פון רבי. און נאר אז דער מענטש וואס איז גיקומען צום קראנקען מבקר חולה זיין איז גיבארין גיווארין אין דעם זעלבינען מזל פון דעם קראנקען. ווארום מיר האבין גילערנט רבי זאגט אז איינער איז גישטארבין און האט גילאזין אטאכטער מיט זיהן. ירשענען די זיהן אין גאנצען און די טאכטער ווערט גישפייזט פון די ברידער. און זיא נעמט פון דיא ברידער אצעהנטיל פארמעגין. האט מען גיזאגט צו רבי נאך דיינע רייד אז איינער איז גישטארבין און האט גילאזין צעהן טעכטער מיט איין זוהן. וועלין דיא צעהן טעכטער צוא נעמען דאס גאנצע פארמעגין ווארום יעדע טאכטער וועט נעמין אצעהנטיל) און דער זוהן וועט גאר ניט נעמען האט רבי צו זייא גיזאגט אזוי זאג איך. די ערשטע נעמט אצעהנטיל פאר מעגין. די אנדערע נעמט אצעהנטיל פון דעם פארמעגין וואס די ערשטע האט גילאזין. די דריטע נעמט אצעהנטיל פון דעם פארמעגין וואס דיא אנדערע האט גילאזין. און אזוי ווייטער. און וויא פיל עס בלייבט נאך דיא לעצטע. צו טיילין זיך אלע טעכטער גלייך*) אויב עס איז ניטא קיין ברידער: און אויך עס איז דא ברידער נעמען די ברידער. דא ביי דעם קראנקען איז אויך אזוי: דער ערשטער וואס קומט מבקר חולה זיין נעמט אזעכציג חלק פון די קריינק. דער אנדערער נעמט אזעכציג חלק פון דיא וואס איז געבליבען. און אזוי ווייטער. און נאך דיא אלע זעכציג בלייבט נאך גענוג קראנקייט ביי דעם קראנקען. רבי חלבו איז קראנק גיווארין. האט רב כהנא אויסגערופין אין שטאט רבי חלבו איז קראנק רבי חלבו איז קראנק. איז קיינער נישט גיקומען צו רבי חלבו מבקר חולה זיין. האט רב כהנא גיזאגט צו די מענטשין פון שטאט. האט דען נישט אמאהל גיטראפין בייא אתלמיד פון רבי עקיבאס תלמידים וואס ער איז קראנק גיווארין און דיא חכמים זענין ניט אריין גיגאנגען צו איהם מבקר חולה זיין. איז רבי עקיבא אליין אריין גיגאנגען צוא איהם מבקר חולה זיין. און וייל רבי עקיבא האט אויס גיקערט דיא שטוב און האט אויס געשפריצט דיא פאדלאגע פאר איהם. איז דער תלמיד גיזונד גיווארין. און ער האט גיזאגט צו רבי עקיבא רבי דוא האסט מיך גיזונד גימאכט איז רבי עקיבא ארויס גיגאנגען פון דעם תלמיד און האט גידרשת דער וואס גייט ניט מבקר חולה זיין איז גלייך וויא ער האלט דעם קראנקען גיהרגת. ווארום אז מענטשין וואלטין אריין קומען צו איהם. וואלטין זיי גיזעהן וואס דעם קראנקען פעלט. וואלטין זייא איהם גיהאלפין. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט דער וואס איז מבקר חולה ברייננט ער איהם צום לעבין. און דער וואס איז ניט מבקר חולה ברייננט ער איהם צום שטארבין. זאגט דיא גמרא וואס מיינט מען ער ברייננט איהם

זאלין

*) אבל רק אם באו כל הבנות זו אחר זו, ואם באו כל הבנות. בפעם אחת. אחר שנטלה כ"א כעישורייתא חוזרות ושמות כל אחת מה שנטלה וחולקות בשוה:

מבקש עליו [רחמים] לא שיחיה ולא שימות רבא יומא קדמאה דחלש אמר להו לא תגלו לאינש דלא ליתרע מזלי מכאן ואילך אמר להו פוקו אכריזו בשוקא רבא חלש דסני לי ליחדי וכתיב (משלי כד) בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו ודרחים לי ליבעי עלי רחמי:

י (אמר רב יהודה אמר שמואל) [אמר רב] כל המבקר את החולה נצול מדינה של גיהנם שנאמר (תהלים מא) אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' ואין דל אלא חולה שנא' (ישעיה לח) מדלה יבצעני אי נמי מהדין קרא (ש"ב יג) מדוע אתה ככה דל בן המלך ואין רעה אלא גיהנם שנאמר (משלי טז) כל פעל ה' למענהו וגם רשע ליום רעה ואם בקרו מה שכרו כדאמרינן נצול מדינה של גיהנם אלא מה שכרו בעולם

פירוש

דימות. מצאה בעיני דה"ק פעמים שצריך לבקש רחמים על החולה שימות כגון שמצטער החולה בחליו הרבה ואי אפשר לו שיחיה כדאמרי' בפרק הנהנה דכיון דחזא אמהיה דרבי דעאל כמה זימנין לבית הכסא ומנחת תפילין וקא מצטער אמרה יהי רצון שיכופו העליונים את התחתונים כלומר דלימות רבי ומשום הכי קאמר דהמבקר חולה מועילו בתפלתו אפי' (למות ובקט) לחיות מפני שהיא תפלה יותר מעולה ומי שאינו מבקרו א"נ לומר שאינו מועילו לחיות אלא אפילו היכא דאיכא ליה צערא במיתה אפילו אותה הנאה ווטרתי אינו מהנהו:

---

וואלין מיר זאגין אזוי מיינט מען דער וואס איז מבקר חולה וועט ער מתפלל זיין פאר דעם קראנקינס וועגין ער זאל לעבין. אונ דער וואס איז ניט מבקר חולה וועט ער מתפלל זיין פאר דעם קראנקינסוועגין ער זאל שטארבין: פאר וואס זאל ער בעטין אויף איהם ער זאל שטארבין. נאר אזוי מיינט מען דער מענטש וואס איז ניט מבקר חולה העט ער ניט אויף דעם קראנקען ניט אויף לעבין ניט אויף שטארבין. ווארום אמאהל דארף מען בעטין אויף אקראנקען ער זאל לעבין. אונ אמאהל דארף מען בעטין ער זאל שטארבין: אז מען זעהט שטארבין וועט ער גסוסים נאר ער מאטערט זיך. ווייל ער וויים ניט וואס עס איז מיט דעם קראנקען אונ וואס פאר איהם בעסער איז: טוהט ער איהם אפילו דיא קליינע טובה בעטין אויף איהם ער זאל שטארבין אויך ניט. אז רבא איז קראנק גיווארין דעם ערשטין טאג האט ער גיבעטין מען זאל פאר קיינעם ניט זאגין אז ער איז קראנק: זיין מזל זאל ניט שלעכט ווערין. ווארום עס קען זיין אז דאס איז גאר ניט קיין קראנקייט. אונ אז מען וועט זאגין אויף איהם ער איז קראנק וועט ער טאקי אין אמת קראנק ווערין ווייל אמאהל רעט מען אויס אווארט אשלעכטין אין אשלעכטע שעה אונ עס בלייבט אזוי. אז ער האט גיזעהן ער איז דעם אנדערין טאג אויך קראנק. אדער נאך ווייטער דעם דריטען דעם פערטען. האט ער גיזאגט גייט ארויס אין גאס אונ רופט אויס רבא איז קראנק. דער וואס האט מיך פיינט זאל זיך פרייען. אונ עס שטייט אין פסוק אז דיין פיינט וועט פאלין זאלסטו דיך ניט פרייען. אונ אז ער וועט גישטרויכעלט ווערין זאל דיין הארץ ניט פרייען. טאמער וועט גאט זעהן אז דוא פרייסט זיך אונ עס וועט שלעכט זיין אין די אויגין פון גאט. (עס וועט גאט ניט גיפעלין). וועט ער אראפ נעמען פון איהם זיין כעס. וועל איך געזונד ווערין. אונ דער וואס האט מיך ליב. זאל ער מתפלל זיין אונ בעטין צוא גאט איך זאל געזונד ווערין:

י אמר. רב האט גזאגט דער וואס גייט צו אקראנקען זעהן וואס ער מאכט. וועט ער ניט גענמשפט ווערין אין גיהנם אויף זיינע עבירות: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשרי משכיל אל דל. דל מיינט מען אקראנקער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מדלה יבצעני. פון דיא קראנקייט וועט ער מיך אויס לאזין. אדער פון דעם פסוק מדוע אתה ככה דל בן המלך. דוא קעניגליכער זוהן ווארום זעהסטו אויס אזוי קראנק. זאגט דער פסוק וואול צוא דעם מענטש וואס ער קליגט זיך אויף דעם קראנקען. צוא זעהן מיט וואס אים צוא העלפין. ביום רעה ימלטהו ה': רעה מיינט מען גיהנם אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כל פעל ה' למענהו וגם רשע ליום רעה. אלץ האט גאט גיטאהן פון זיינעט וועגין. אונ דעם רשע האט ער בשאפען צום טאג פון גיהנם. זאגט דער פסוק ווען עס וועט קומען דער טאג פון גיהנם. וועט אים גאט מציל זיין. אונ אויב ער איז יא מבקר חולה וואס בצאהלט אים גאט. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך שוין גיזאגט וואס גאט

בצאהלט

בעולם הזה (תהלים מא) ה' ישמרהו ויחייהו ואושר בארץ ואל תתנהו בנפש אויביו. ה' ישמרהו מיצר הרע ויחייהו מן היסורים ואושר בארץ שיהו הכל מכבדים אותו ואל תתנהו בנפש אויביו שיזדמנו לו רעים כנעמן שרפאוהו מצרעתו ואל יזדמנו לו רעים כרחבעם שחלקו מלכותו. תניא ר"ש בן אלעזר אומר אם יאמרו לך זקנים סתור וילדים בנה סתור ואל תבנה מפני שסתירת זקנים בנין ובנין ילדים סתירה וראיה לדבר רחבעם בן שלמה (מ"א יב). אמר רב (ששת) [שישא] בריה דרב אידי לא לסעור איניש קצירא לא בתלת שעי קמייתא דיומא ולא בתלת שעי בתרייתא דיומא כי היכי דלא ליסח דעתיה מן רחמי בתלת שעי קמייתא רווחא דעתיה בתרייתא תקיף חולשיה. א"ר אבין אמר רב מנין שהקב"ה זן את החולה שנאמר (תהלים מא) ה' יסעדנו על ערש דוי כל משכבו הפכת בחליו. וא"ר אבין אמר רב מנין שהשכינה שרויה למעלה ממטתו של חולה שנאמר ה' יסעדנו על ערש דוי. תנ"ה הנכנס לבקר את החולה לא ישב על גבי מטה

[רעים כו' מן. שריפאוהו מצרעתו כגון אלישע דהוה נביא וזקן והשיאו עצה לנעמן: אם יאמרו לך נערים בנה. בית המקדש וכו': וסימן לדבר רחבעם. דכתיב ויעזוב את עצת הזקנים וגו' ונהרב בית המקדש על אותה עצה והתורה לא פירש בבהמ"ק ואיכא ברייתא דקתני בהדיא בבהמ"ק]: לא לסעור איניש. לא יבקר ופקודת כל האדם מתרגמינן וסעורא: קירא. חולה: בתלת שעי קמייתא רווחא דעתיה. והסבור שמבקר שנתרפא ואין צריך לבקש רחמים עליו: בתרייתא תקיף חולשיה. והסבור שהוא באפס תקוה ומתייאש מן הרחמים: יסעדנו. כמו ולהם לבב אנוש יסעד: [מנין שהשכינה וכו', שנאמר ה' יסעדנו קרי ביה יסעדנו א"נ יסעדנו ממש שמסעד שכינה על רהטו כדאמרן בהדיא שהשכינה שרויה למעלה ממטתו]: לא ישב ע"ג מטה ולא ע"ג ספסל. איכא מ"ד דדוקא כשהחולה שוכב ע"ג קרקע שנמצא מבקר גבוה ממקום שכיבה:

---

בצאהלט איהם. מען משפט אים ניט אין גיהנם; נאר וואס בצאהלט אים גאט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט אים היטען. אונ וועט אים געבין לעבין. אונ ער וועט זיין גליקליך אויף דער וועלט. אונ זאלסט אים ניט געבין אין דעם נפש פון זיינע פיינד. גאט זאל אים היטען פון יצר הרע. אונ ער זאל אים געבין לעבין אן יסורים; אונ ער זאל אים גליקליך מאכען אויף דער וועלט. אלע זאלין אים געבין כבוד. אונ דוא זאלסט אים ניט געבין אין דעם נפש פון זיינע פיינד; דאס מיינט מען ער זאל האבין אזעלכע גוטע פריינד אזוי וויא נעמן האט געהאט. אלישע הנביא איז געוועזן זיינער אגוטער פריינד אונ האט אים געהיילט פון זיינע קרעץ. אונ ער זאל ניט האבען אזעלכע גוטע פריינד וויא דער מלך רחבעם האט געהאט; וואס דורך זייער עצה איז צוא טיילט געווארין זיין מלוכה. מיר האבין געלערנט רבי שמעון בן אלעזר האט געזאגט אויב אלטע מענטשין וועלין זאגין צוא דיר צוא ווארף דיא הויז; אונ יונגע מענטשין וועלין זאגין צוא דיר באוי דיא הויז; זאלסטו צו ווארפען אונ זאלסט ניט באהען. ווארום וואס אלטע צוא ווארפען דאס הייסט געבאהט. אונ וואס יונגע באהען. דאס הייסט צוא ווארפין. א בעווייזונג צוא דער זאך איז רחבעם בן שלמה (אין מלכים א' קפיטל יב). רב שישא בריה דרב אידי האט געזאגט א מענטש זאל ניט גיין מבקר חולה זיין ניט דיא ערשטע דריי שעה אין טאג. ווארום דיא ערשטע דריי שעה אין טאג איז אלע מאהל דעם קראנקען בעסער. וועט ער מיינען מען דארף שוין ניט בעטין פון זיינעט וועגין. ווארום ער איז שוין געזונדט. אונ ניט דיא לעצטע דריי שעה אין טאג. ווארום דיא לעצטע דריי שעה אין טאג שטארקט זיך דיא קראנקייט. וועט ער מיינען אז ער קען שוין ניט געזונד ווערין. וועט ער שוין ניט בעטין פון זיינעט וועגין. רבי אבין האט געזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסין מיר אז גאט שפייזט דעם קראנקען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט לענט אים זיין הארץ ער שפייזט אים אויף זיין קראנקין בעט זיין געלעגער האסטו אומגעקערט ופריש געבעט אין זיין קראנקייט. נאך האט רבי אבין געזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז דיא שכינה רוהט איבער דיא בעט פון דעם קראנקין נאז דיא שכינה רוהט געבין צו קאפינס פון קראנקין ווארום עס שטייט אין פסוק גאט לענט אן דעם קראנקין אויף זיין קראנקין בעט. אונ אלינגעדינגען מענטשין אז לעהנען. איז גאר אז מען לעהנט אים אן דעם קאפ זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי

גילערנט

המטה. עד נאסר עליו : בלא רבב. שומן : דהא ביה כולה ביה. מי שיש בו דעה כמי שיש בו הכל שלימי מהכל כלום : [דהא קני מה חסר. מי שקנה דעה מה חסר כלום] : דלא קני. דעה מה קני מה יועיל כל מה שיקנה :
חוזר לימי עלומיו. לאחר שהגה ונתרפא מתחזק מכמו שהיה יותר בריא ממה שהיה קודם חליו שנאמר רטפש מנוער רטוב ושם וי"א חוזר לימי עלומיו דמשמע כתינוק שלא טעם טעם חטא : לומר שמשכחת תלמודו .. ימי עלומיו קודם מעין המלמה :

מטה ולא על גבי כסא ולא על גבי ספסל אלא מתעטף ויושב על גבי קרקע מפני שהשכינה שרויה למעלה ממטתו של חולה שנא' ה' יסעדנו על ערש דוי :

(ע"ב) **יא** (אמר רבין) [א"ר אמי אמר רב] מ"ד (יחזקאל יב) ואתה בן אדם עשה לך כלי גולה זה נר וקערה (דף מא) ושטיח (דברים כח) ובחסר כל (אמר רבין בר אבא) [א"ר אמי אמר רב] בלא נר ובלא שלחן רב חסדא אמר בלא אשה. רב ששת אמר בלא שמש רב נחמן אמר בלא דעה תנא בלא מלח ובלא רבב. אמר אביי נקטינן אין עני אלא בדעה במערבא אמרי דדא ביה כולא בית דלא דא ביה מה ביה דדא קני מה חסר דדא לא קני מה קני :

**יב** א"ר אלכסנדרי א"ר חייא בר אבא אין החולה עומד מחליו עד שמוחלין לו כל עונותיו שנאמר (תהלים קג) הסולח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי. רב המנונא אומר חוזר לימי עלומיו שנאמר (איוב לג) רטפש בשרו מנוער ישוב לימי עלומיו (תהלים מא) [כל משכבו הפכת בחליו] אמר רב יוסף לומר שמשכחת תלמודו :

רב

---

געווארנט. דער וואס גייט אריין צו א קראנקן מבקר חולה זיין. אויב דער קראנקער ליגט אויף דיא ערד. זאל ער ניט זיצען אויף א בעט. און ניט אויף א שטוהל. און ניט אויף א באנק. נאר ער זאל זיך איינוויקלען אין זיין מאנטיל און זאל זיצען אויף דיא ערד. ווייל די שכינה רוהט איבער דיא בעט פון א קראנקען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט לענט אן דעם קראנקען אויף זיין קראנקען בעט :

**יא** אמר. רבי אמי האט געזאגט פון רבס וועגן עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא יחזקאל הנביא דוא מענטשין זאהן מאך דיר כלים צוא גיין אין גלות. וואס זאלין זיין דיא כלים. א ליכט און א שיסעל און א טעפיך אום צוא שפרייטין צוא עסין אויף איר. עס שטייט אין פסוק דוא וועסט גיין אין גלות און דיר וועט אלץ פעלין. וואס וועט פעלין. האט רבי אמי געזאגט פון רבס וועגין עס וועט פעלין א ליכט און א טיש. רב חסדא זאגט אן אוייב. רב ששת זאגט אן א בעדינער. רב נחמן זאגט אן שכל. מיר האבין געלערנט אן זאלץ און אן פעטס. אביי זאגט מיר האבען געלערנט אארעם מאן הייסט נאר דער וואס האט קיין שכל. אין ארץ ישראל זאגט מען דער וואס האט שכל. האט אלץ. דער וואס האט ניט קיין שכל. האט גאר ניט. דער וואס האט געקויפט שכל. וואס פעלט אים. דער וואס האט שכל ניט געקויפט. וואס האט ער געקויפט. אלץ וואס ער האט געקויפט איז גאר ניט :

**יב** אמר. רבי אלכסנדרי האט געזאגט פון רבי חייא בר אבאס וועגין א קראנקער ווערט אנדערש ניט געזונט ביידין מען איז אים מוחל זיינע אלע עבירות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פריער פאר גיט גאט דיינע אלע עבירות. דער נאך היילט ער דיינע אלע קראנקהייט. רב המנונא זאגט ער גייט צוריק צו זיין יוגענד. אז איינער ווערט געזונד פון א קראנק. ווערט ער נאך געזינטער וויא ער איז געווען פריער פאר דיא קראנק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רטפש בשרו מנוער ישוב לימי עלומיו. זיין לייב איז געווארין פייכט און דיק פון דער יוגענד. ער האט זיך צוריק געקערט צו די טעג פון זיין יוגענד. עס שטייט אין פסוק כל משכבו הפכת בחליו זיין גאנצע אום שפרייטונג פון זיין לערנען איז פאר קערט געווארין אין דיא צייט וואס ער איז קראנק געווען. זאגט רב יוסף דער פסוק זאגט אונז אז א מענטש פאר געסט זיין תורה ווען ער קראנקט :

יג רב יוסף חלש אייקר ליה תלמודיה אהדריה אביי קמיה היינו דבכל דוכתא אמרינן אמר רב יוסף לא שמיע לי הא מלתא וא"ל אביי את אמרת לן ומהא מתניתא אמרת לן רבי הוה גמיר תלת עשרה אפי הלכה אגמריה לרבי חייא ז' מנהון לסוף חלש רבי אהדרי רבי חייא קמיה הנהו ז' אפי דאגמריה ושתא אזדא להו הוה ההוא קצרא דהוה שמיע ליה לרבי כד הוה גריס להון אזל ר' חייא גמר יתהון קמי קצרא ואתא אהדרינהו קמי רבי כד הוה חזי ליה רבי לההוא קצרא א"ל רבי אתה עשית אותי ואת חייא א"ר הכי אמר ליה אתה עשית את חייא וחייא עשה אותי:

יד אמר רבי אלכסנדרי א"ר חייא בר אבא גדול נס שנעשה לחולה יותר מנס שנעשה לחנניה מישאל ועזריה דאילו חנניה מישאל ועזריה אש של הדיוט והכל יכולין לכבותה אבל של חולה אש של שמים הוא מי יוכל לכבותה. וא"ר אלכסנדרי א"ר חייא בר אבא ואמרי לה א"ר יהושע בן לוי כיון שהגיע קצו של אדם הכל מושלין בו שנא' (בראשית ד) והיה כל מוצאי יהרגני (רבא) [רב] אמר מהכא (תהלים קיט) למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך אמרו ליה לרבה בר שילא שכיב ההוא גברא גובהא (הוה) רכיב גידרונא

אייקר ליה תלמודיה. שכחה עליו הגמרא שבחולי: תלת עשרה אפי. כ"ג פעם: קצרא. כובס: אתה עשית אותי ואת חייא. תשגרת לשון דכל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאו שנאמר ואת הנפש אשר עשו בחרן: הכל מושלין בו. להמיתו אפילו זבוב ואפילו יתוש: למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. בזמן שלמשפטיך עמדו בישיבה של מעלה שהגיע קצו לומר הכל עבדיך לקיים את דבר המשפט: שכיב. מת: גברא גובהא. אדם שהיה גבוה כלומר ארוך: רכיב גידרונא זוטרא. רוכב פרדה קטנה: סוסיא

---

יג רב יוסף איז קראנק געווארן האט ער פארגעסן זיין לערנען. האט אביי איבער געחזרט דאס לערנען פאר רב יוסף. דאס איז וואס מיר זאגן אין פיל ערטער רב יוסף האט געזאגט איך האב ניט געהערט דיא זאך. האט אביי צו אים געזאגט דוא אליין האסט אונז געזאגט דיא זאך אונ פון דיא ברייתא האסטו אונז געזאגט. רבי האט געלערנט דרייצען פשטים (מיינונגען) אויף איין דין. אונ רבי האט געלערנט צו רבי חייא זיבען ערליי פשטים פון די דרייצעהן. דער נאך איז רבי קראנק געווארן. אונ ער האט פארגעסן דיא אלע דרייצען פשטים. האט רבי חייא געחזרת פאר רבי דיא זיבען פשטים וואס ער האט אים געלערנט. אונ נאך זעקס פשטים האבען זיא ביידע ניט געוואוסט. איז געווען א וועשער וואס ער האט געהערט פון רבי דיא אלע דרייצעהן פשטים ווען ער האט זיא געלערנט. איז געגאנגען רבי חייא אונ האט געלערנט פון דעם וועשער דיא נאך זעקס פשטים. אונ ער איז געקומען פאר רבי אונ האט זיא געחזרת פאר אים: ווען רבי האט געזעהן דעם וועשער האט רבי געזאגט צו אים. רבי דו האסט בשאפען מיך אונ רבי חייאן. אנדערע זאגען אזו האט רבי געזאגט צום וועשער דו האסט בשאפען חייאן אונ חייא האט מיך בשאפען:

יד אמר: רבי אלכסנדרי. האט געזאגט פון רבי חייא בר אבאס וועגען דער נס וואס וועט געטאהן צוא א קראנקען ווען ער ווערט געזונד. איז גרעסער ווי דער נס וואס איז געטאהן געווארן צוא חנניה מישאל נעזריה. ווארום ביי חנניה מישאל נעזריה איז געווען א פייער פון א מענטש. וואס אלע האבען געקענט דעם פייער פאר לעשין. אבער דער פייער פון א קראנקען איז א פייער פון הימעל ווער קען דעם פייער פאר לעשין. נאך האט געזאגט רבי אלכסנדרי פון רבי חייא בר אבאס וועגין. אנדערע זאגין רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אז עס קומט דער סוף פון מענטשין. ווען עס לאזט זיך אום זיינע יאהרין. געוועלטיגען אלע בשעפעניש אויף אים צוא הרגנן אים. אזו חייא עם שטייט אין פסוק קין האט געזאגט אונ עס וועט זיין ווער עס וועט מיך געפינען וועט מיך הרגנן. רב זאגט פון דעם פסוק למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. דער מענטש וואס איז היינט געשטאנען פאר דיין משפט. אונ מען האט געפסקנט ער זאל שטארבין. זיינען אלע דיינע קנעכט צו הרגנן אים. מען האט געזאגט צו רבה בר שילא דער הויכער מענטש וואס געריטען

פיגרא. גמר: לאתנסם. פלגון סכית רוח של שגעון וכדאמרינן בעלמא שטעה הוה דנקטיה להוסם רוח שטות לאותם פרדה והוליכתו בנהר: אקרוקתא. צפרדע ועקרב אינו יכול לשוט בנהר וכלו הצפרדע עליו להעבירו בנהר וגנוהו להם שלום:

שחלצתו שלבשתו חמה כאדם כמחדין שעל [ידי] כלי זיין שעליו נקרא חלוץ: לאפוקי מאי. דס"ל לשמואל כי הך ברייתא דאין מבקרין לבכן דקא מני ודשמואל נמי לאפוקי הכי: משום כסופא. דאמין שצריך לנקביו ומכסיף: [דבורא קשה לעינא. וכן נמי למיחוש כלהם שטבע א' להם]: דפרונקא. שליח של ידיה מתים: כחורא לדקלא. שאין שכביב הדקל ם שומרין אותו מבהמות וחיות: תריקא. מרקחת של פיל וקורין לו תריאקא: משנה

גידרונא זוטרא מטא תיתורא איסתטט שדייה במיא וקא שכיב קרא אנפשיה למשפטיך עמדו היום וגו' שמואל חזייה לתהוא עקרבא דיתיב על אקרוקתא ועברא נהרא טרקא גברא ומית קרי עליה למשפטיך עמדו היום וגו':

**טו אמר** שמואל אין מבקרין אלא למי שחלצתו חמה לאפוקי מאי לאפוקי הא דתניא ר' יוסי בן פרטא אומר (משום רבי אליעזר) אין מבקרין לא חולי מעים ולא חולי העין ולא מחושי הראש בשלמא חולי מעים משום כסופא אלא חולי העין ומחושי הראש מ"ט משום דרב יהודה דאמר רב יהודה דבורא קשי לעינא ומעלי לאשתא אמר רבא האי אשתא אי לאו דפרונקא דמלאכא דמיתותא היא מעלי (ע"ב) כחורא לדקלא חד לתלתין יומין כי תרייקא לגופא רב נחמן בר יצחק אמר לא היא ולא תרייקה אמר (רבא) [רבה] בר יונתן [אמר רב יחיאל] ערסן יפה לחולה לרפואתו

כאי

געריסען אויף אקלייגעם אייזיל אונ איז גיקומען צוא אבריק אין דער אייזיל ווילד אונ משוגע גיווארין אונ ער האט אריין גיווארפען דעם הויכען מענטש אין וואסער אונ ער איז גישטארבין. האט רבה בר שילא גילייענט אויף אים דעם פסוק למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. וויא פריער שטייט. שמואל האט גיזעהן וויא אשלאנג קריכט ארויף אויף אפראש אונ דער פראש שווימט אריבער דעם טייך. אויף דיא אנדערע זייט טייך איז דער שלאנג אראפ גיקראכען פון דעם פראש. אונ ער האט אביס גיטאן אמענטשין אונ דער מענטש איז גישטארבין. האט שמואל גילייענט אויף אים דעם פסוק למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. וויא פריער שטייט:

**טו אמר**. שמואל הט גזאגט מען גייט ניט מבקר חולה זיין נאר צוא דעם ווס האט אהיץ קראנקייט. צוא וועלכין קראנקין גייט מען ניט מבקר חולה זיין. אזו וויא מיר האבען גילערנט. רבי יוסי בן פרטא זאגט פון רבי אליעזרס וועגין מען גייט ניט מבקר חולה זיין צוא דעם וואס זיינע גידערים וועגען קראנק. אונ ניט צוא דעם וואס האט אקראנקע אויג. אונ ניט צוא דעם וואס דאס קאפ שמערצין. פרעגט דיא גמרא דער וואס זיינע גידערים וועגען קראנק איז רעכט וואס מען גייט ניט צוא אים מבקר חולה זיין. ווייל ער דארף אלע עטליכע מינוטין צרוים צוא גיין. וועט ער זיך שעמען פאר מענטשין. וועט ער זיך אויף האלטען וועט ער נאך מער קראנק ווערין. אבער צוא דעם וואס האט קראנקע אויגן אדער ער האט קאפ שמערצין פאר וואס זאל מען ניט גיין צוא אים מבקר חולה זיין. זאגט דיא גמרא ווייל רב יהודה הט גזאגט דער וואס האט קראנקע אויגען אדער קאפ שמערצין טאר ניט פיל רידין. אונ אז מענטשין וועלין קומען צו אים מבקר חולה זיין. וועט ער דאך מוזן מיט זייא רידין וועט ער נאך מער קראנק ווערין. דריבער זאל מען ניט גיין צוא זייא מבקר חולה זיין. אבער דער וואס האט אהיץ קראנקייט. וואס מער ער רעט איז פאר אים געזינטער. דריבער איז אמצוה מען זאל גיין צוא אים מבקר חולה זיין: רב האט גזאגט דיא היץ קראנקייט ווען זיא וואלט ניט גיווען אשליח פון מלאך המות. ווס דורך דיא היץ קען מען שטארבין. וואלט זיא אזו גוט גיוועז פר דעם מענטש אזוי וויא דער געגנער וואס ארום אבוים. וואס זייא היטען דעם בוים בהמות אונ חיות זאלין ניט קומען צוא אים. אז אמענטש האט היץ איין מאל אין דרייסיג טעג. איז דאס אזו גוט צום גוף אזו וויא אמעדיצין. רב נחמן בר יצחק האט גיזאגט. איך וויל ניט דיא היץ אונ איך וויל ניט דאס זאל זיין מיין מעדיצין: רבה בר יונתן האט גיזאגט פון רב יחיאלס וועגין ערסן איז צוטשר היילונג צוא אקראנקין. וואס איז ערסן. האט רבי יונתן גיזאגט דאס איז אפ גישייליטע

גערשטין

מאי ערסן א"ר (יוחנן) [יונתן] חושלא דשערי עתיקתא (דריש נפיא אמר אביי ובעיין בשולא כבשרא דתורא) רב יוסף אמר סמידי דשערי עתיקתא דריש נפיא אמר אביי ובעיין בשולא כבשרא דתורא א"ר יוחנן בורדם אין מבקרין אותו ואין מזכירין שמו מ"ט אמר רבי אלעזר כפני שהוא כמעין הנובע וא"ר אלעזר למה נקרא שמו בורדם שהוא כמעין הנובע:

דשערי. שעורים קלופים: דריש נפיא. כתחלת הרקדת הנפה: בורדם. חיכה אחת (בב') [בבתי] הכבוד בור דם והוא חולי שמקלח דם מלמטה: אין מבקרין אותו. משום דזימנין צריך לנקביו ומגנאי ליה: ואין מזכירין שמו. לומר פלוני חולה חולי בורדם דלאו לגנאי נקייה הוא וה"נ שלא יתביישו כחולה (א"נ) [מפני שהוא כמעין הנובע]. שקופץ מזה לזה ויש בו סכנה להזכירו:

## הנודר מן המבושל פרק ששי

(דף מט ע"ב) **א** א"ל רב לחייא בריה וכן א"ל רב הונא לרבה בריה כל מידעם לא תפלוט קמי רבך לבר מן קרא ודייסא שהן דומין לפתילה של אבר ואפילו קמי שבור מלכא פלוט רבי יהודה ורבי יוסי חד אכיל דייסא באצבעתיה וחד אכל בהוצא א"ל דאכיל באצבעתיה לדאכיל בהוצא עד מתי אתה מאכילני רוקך א"ל דאכיל בהוצא לדאכיל באצבעתיה

כל מדעם לא תפלוט. כל מאכל שאכלת אם אתה יושב לפני רבך ויש לך רוק בתוך פיך תבלעם ולא תפלוט אותו לפני רבך. [לבד] מקרא ודייסא שדומה וכו'. הבולע רוקו אחר שאכלה: לפתילה של אבר. שאינו מהמכל א"נ שהם קשים לגופו של אדם כפתילה של אבר: ואפילו לפני שבור מלכא פלוט. ואל תתבייש: בהוצא. בקליפת עץ: מאכילני

---

גערשטין אַלטע. דיא גערשטין זָאל מען אַרוּס נעמען דיא ערשטע פון דיא זיפּ ווען מען הייבט נאָר אָן צוא זיפּען. אַבַּיֵי זָאגט מען זָאל זייא קאכין אַזוֹ לאנג וויא מען קאכט אָקסין פליישׁ. רב יוסף זָאגט ערסן איז מעהל פון אַלטע גערשטין. דיא מעהל זָאל מען אַרוּס נעמען דיא ערשטע פון דיא זיפּ. ווען מען הייבט נאָר אָן צוא זיפּען. אַבַּיֵי זָאגט מען זָאל דיא מעהל קאכין אַזוֹ לאנג וויא מען קאכט אָקסען פליישׁ. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגט דר מענטש וואס הָט אַבּוּרדם ומארידען קראנקייט. זָאל מען נישט גיין צו אים מְבַקֵּר חוֹלֶה זיין. ווייל טאמער וועט ער דארפין ארויס צו גיין וועט מענטשין וועלין זיין ביי אים אונ ער וועט זיך שעמען. וועט ער זיך אויף האלטען וועט ער האבּין יסורים אין בויך. אונ מען זאל נישט דער מאנען זיין נאמען. מען זאל נישט זאגין פאר מענטשין יענער מענטש האט מארידען קראנקייט. פאר וואס זאל מען נישט זאגין. הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גזאגט ווייל דיא בלוט גייט אזוי וויא וואסער פון אקוואל. מיאוסין זיך מענטשין צוא הערין דעם ווארט מארידען קראנקייט. נאך האט רַבִּי אֶלְעָזָר גזאגט פאר וואס רופט מען דיא מארידען קראנקייט בורדם. ווייל דאס איז צוויא ווערטער בור דם. דיא בלוט רינט אזוי וויא עס וואלט גיוועזען אברונען מיט בלוט. אונ דאס איז אזוי וויא אקוואל וואס קומט צו אלע מאהל נייע בלוט:

## פרק ששי

**א** אָמַר. רַב האט גזאגט צוא זיין זוהן חִיָּא. אונ אזוי האט רַב הוּנָא גזאגט צוא זיין זוהן רַבָּה. נאך אַלע עסינס וואס דוא האסט גיגעסין. אויב דוא זיצט פאר דיין רבי אונ דוא ווילסט אויס שפייען. זאלסטו איין שלינגען דיא שפייאכץ. אונ זאלסט נישט שפייען פר דיין רבי. אויסער אויב דוא האסט גיגעסין קרא אדער דייסא. זאלסטו נישט אראפ שלינגען דיא שפייאכץ. ווארום עס איז גלייך וויא דוא וואלסט אראפ גישלונגען אשטיקול בלייא. אונ אפילו דוא זיצט פאר שבור מלכא דער מלך פון פרס זאלסטו אויך אויס שפייען. ווארום דיא שפייעכץ וואס נאך דעם עסין קרא אדער דייסא. איז אסכנה אראפ צוא שלינגען. רַבִּי יְהוּדָה אונ רַבִּי יוֹסֵי האבין אמאהל גיגעסין דייסא פון איין שיסול. איינער האט גינומען דיא דייסא פון שיסול מיט זיין פינגער. אונ איינער האט גינומען דיא דייסא פון שיסול מיט אשטיקול קארע פון אבוים. דער וואס האט גינומען מיט דעם פינגער האט גזאגט צוא דעם וואס האט גינומען מיט דיא קארע. ביז וויא לאנג וועסטו מיר געבין עסין דיינע שפייאכץ. ווארום אז ער האט גנומען

באצבעתיה עד מתי אתה מאכילני צואתך:

**ב** **רבי** יהודה ור"ש איתי לקמייהו בלוספין ר"י **אכל** ור"ש לא אכל א"ל ר"י מ"ט לא אכיל מר א"ל ר"ש אלו **אין** יוצאין מבני מעים כל עיקר **א"ל** ר"י כ"ש שנסמוך עליהן למחר:

**ג** **רבי** יהודה הוה יתיב קמיה דר' טרפון **א"ל רבי** טרפון היום פניך צהובין א"ל אמש יצאו עבדיך לשדה והביאו לנו **הרדין** ואכלנום בלא מלח **ואם** אכלנום במלח כל שכן שהיו פנינו צהובים, **אמרת** ליה ההיא מטרוניתא לרבי יהודה מורה ורוי אמר לה הימנותא בידא דההיא אתתא אי **טעימנא** אלא קידושא ואבדלתא וארבעה כסי דפסחא וחוגרני צדעאי כן הפסח ועד העצרת אלא (קהלת ח) הכמת אדם תאיר פניו. א"ל ההוא מינא לר"י פניך דומין או כמלוי ברבית או כמגדלי חזירים א"ל ביהודאי תרווייהו אסורין אלא כ"ד בתי כסאות אית לי מביתי ועד בי מדרשא וכל שעה ושעה לכל אחד ואחד אני נכנס.

רבי

חסך. שאין צריך לקנח כהוגן לאחר שנתנו לסון פיו כשמחזירה בקערה: מתוילאי נותקן. נותם שפתם הספלים: בלוספין. גלוסקין. והגים כדרכנו יותר מעלי: כיון שאין יוצאין מבני מעים כ"ש. דמעלו שנסמוך עליהן שאין אנו צריכין לאכול מאכל אחר למחר:

מורה ורוי. בעל הוראה ומסתכל במתוך שראתה פניו טובים כי שבע היתה כגורה בנסתכל:

הימנותא בידא דההיא. אמונתי בידך כאילו שהיה כל השנה יין אלא קידושא והבדלתא: וחוגרני צדעאי. וקושר אני צדעי שאתתי מכוס מיתום לגמי מפני ד' כוסות שבתיתי בלילי הסדר מהן מפסח עד עצרת: כמגדלי חזירין. שמתוך שמרויחים מרבה פניהם

---

גנומען די קאָרע אין טויל. איז די קאָרע נאַס געוואָרן מיט שפּייאַכץ. אונ ער האָט די נאַסע קאָרע מיט שפּייאַכץ צוריק אַריין גישטעקט אין שיסל: האָט גזאָגט דער וואָס האָט גינומען מיט די קאָרע צו דעם וואָס האָט גינומען מיט דעם פינגער ביז וויא לאַנג וועסטו מיר געבין עסין די צוֹאָה וואָס אונטער דיינע נעגיל:

**ב** רבי יהודה אונ רבי שמעון זיינען גיזעסין. האָט מען גיבראַכט פאַר זייא פייגין וואָס ווענין שטאַרק גיקאָכט גיוואָרין. רבי יהודה האָט זייא גיגעסין. אונ רבי שמעון האָט זייא ניט גיגעסין. האָט רבי יהודה גיזאָגט צו רבי שמעון פאַר וואָס עסטו ניט. האָט רבי שמעון גזאָגט דיא פייגען גייען קיין מאָהל ניט אַרויס פון בויך. האָט רבי יהודה גזאָגט דאַרף מען זיי דאָך געוויס עסין וואָרום מען וועט מאָרגין אויך זאַט זיין. וועט מען ניט דאַרפין עסין קיין אַנדער זאַך:

**ג** רבי יהודה איז גיזעסין פאַר רבי טרפון. האָט רבי טרפון גזאָגט צו רבי יהודה היינט איז דיין פּנים פרייליך. האָט רבי יהודה גזאָגט צו רבי טרפון נעכטין ווענין דיינע קנעכט אַרויס גיגאַנגען אין פעלד. אונ זייא האָבין אונז גיבראַכט תּרדין אונ מיר האָבין גיגעסין דיא תּרדין אָן זאַלץ. אונ אַז מיר וואָלטין גיגעסין דיא תּרדין מיט זאַלץ. וואָלטין מיר נאָך פרייליכער גיוועזן. אַמלְכּה האָט אַמאָהל גיזאָגט צו רבי יהודה ער פּסקת דינים אונ איז שיכור. ווייל זיא האָט גיזעהן דיין פּנים איז אַלע מאָהל רויט אונ פרייליך האָט זיא גמיינט ער איז שטענדיג שכור. האָט רבי יהודה צו איהר גזאָגט איך שווער בייא מיינע נאַמנות. אַז איך טרינק ניט מער קיין וויין נאָר צו קידוש אונ צו הבדלה. אונ אַז איך טרינק פּסח בייא דעם סדר פיר כוסות וויין: האָב איך קאָפּ שמערצין אַז איך מוז גיין פאַרבונדען דיא שלייפין פון פּסח ביז שבועות. נאָר פאַר וואָס דען איז דיין פּנים גיוועזן רויט אונ פרייליך. אַזוי וויא שלמה המלך האָט גיזאָגט דיא חכמה פון מענטשין מאַכט לייכטין זיין פּנים. אַאַפּיקורס האָט גזאָגט צוא רבי יהודה דיין פּנים זעהט אויס אָדער אַזוי וויא דער וואָס פאַרבאָרגט געלט אויף פּראָצענט. אָדער וויא דער וואָס פּאַשעט חזירים. האָט רבי יהודה גיזאָגט צום אפּיקורס בייא יודין ווענין ביידע אָסור. מען טאָר ניט פאַר באָרגין געלט אויף פּראָצענט. אונ מען טאָר ניט פּיטערין חזירים. נאָר פאַר וואָס דען זעה איך אויס אַזוי גוט. ווייל פיר אונ צוואַנציג בית הכּסאות איז דאָ פון מיין שטוב ביז צום בית המדרש. אונ אַזוי וויא איך גייא פון שטוב צום בית המדרש אונ פון בית המדרש צום שטוב גיי איך אַריין אין יעדער בית הכּסא. דריבער איז מיין גוף ריין זעה איך שיין אויס. רבי יהודה אַז

ער

ר' יהודה כד אזל לבי מדרשא שקיל גולפא על כתפיה אמר גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה ר"ש שקיל צנא על כתפיה אמר גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה דביתהו דר' יהודה נפקת נקטת עמרא עבדת גלימא דהוטבי כד נפקת לשוקא מכסיא (ליה) [ביה] וכד נפיק ר' יהודה לצלויי הוה מכסי ומצלי וכד מכסי (ליה) [ביה] הוה מברך ברוך שעטני מעיל זמנא חדא גזר רשב"ג תעניתא ר' יהודה לא אתא לבי תעניתא אמרו ליה לא אית ליה כסויא שדר ליה גלימא ולא קביל (דף נ) דלי ציפתא א"ל לשליחא חזי מאי איכא מיהו לא ניחא לי דאיתהני בהאי עלמא:

פניהם לאורים: גולפא. קנקן והיה מביאו לבהמ"ד כדי לישב עליו: שמכבדת את בעליה. שלא היה יושב ע"ג קרקע: דהוטבי. גלימא חשובה: שעטני מעיל. שהיה חשוב בעיניו כמעיל: דלי ציפתא. הגביה מחצלת: חזי מאי איכא. ראה כמה עושר יש בו ומעשה נסים היה בהמצאת כל אותו מקום זהובים:

הות מנקטא תבנא מן מזייה. הוה מלקט תבן משערו: רמינא לך ירושלים דדהבא. תכשיט של זהב בירושלים מצוייר בו והכי עביד לה כדאיתא בפ' במה אשה: אליהו אדמי לון כאנשא. כדי לנחם אותם ולהראות להם שיש עניים יותר

ר' עקיבא איתקדשת ליה ברתיה (דבר כלבא) [דכלבא] שבוע שמע (בר) כלבא שבוע אדרה הנאה מכל נכסיה אזלה ואתנסיבת ליה בסיתוא הוו גנו בי תבנא הות קא מנקיט ליה תבנא מן מזייה אמר לה אי הואי לי רמינא לך ירושלים דדהבא אתא אליהו אידמי להון כאינשא וקא קרי אבבא אמר להו הבו לי פורתא דתבנא דאולידת אתתאי ולית לי מדעם לאגנוייה אמר לה ר"ע לאנתתיה חזאי האי גברא דאפי' תבנא

---

ער פלעגט גיין אין בית המדרש האט ער גיטראגן אקרוג אויף זיין אקסיל. ער זאל האבן אין בית המדרש אויף וואס צו זיצען. האט רבי יהודה גזאגט ארבעט איז גרויס ופיל ווערטו ווארום זיא גיט כבוד צו איהר בעל הבית. ווייל איך האב גטראגן דעם קרוג האב איך כבוד אונ זיץ ניט אויף דיא ערד. רבי שמעון אז ער פלעגט גיין אין בית המדרש האט ער גיטראגן אקארב אויף זיין אקסיל. ער זאל האבן אין בית המדרש אויף וואס צו זיצען. האט רבי שמעון גזאגט ארבעט איז גרויס ופיל ווערטו ווארום זיא גיט כבוד צו איר בעל הבית. ווייל איך האב גטראגן דעם קארב האב איך כבוד אונ זיץ ניט אויף דיא ערד. דיא ווייב פון רבי יהודה איז ארויס געאנגען א.נ האט גהאלטין וואל אונ האט גימאכט פון דיא וואל אשיינע קלייד. ווען דיא פלעגט ארויס גיין אין גאס פלעגט זיא זיך צו דעקין מיט דער קלייד. אונ אז רבי יהודה פלעגט גיין דאווענען פלעגט ער זיך אויך צו דעקין מיט דער קלייד. אונ האט גדאוונט. אונ ווען ער פלעגט זיך צו דעקין מיט דיא קלייד פלעגט ער זאגן אברכה ברוך שעטני מעיל. גלויבט איז גאט וואס ער האט מיך איינגעוויקילט אין אאויבער קלייד. אמאהל האט רבי שמעון בן גמליאל גוזר גיוועזן מען זאל פאסטין. אונ רבי יהודה איז ניט גיקומען צום תענית. האט מען גיזאגט צו רבי שמעון בן גמליאל רבי יהודה האט ניט קיין קלייד אין וואס צו קומען. האט רבי שמעון בן גמליאל געשיקט אקלייד צו רבי יהודה. האט רבי יהודה ניט גיוואלט נעמען דיא קלייד. האט רבי יהודה אויף גהויבין אראגאזע אונ האט גזאגט צום שליח זעה וויא פיל רייכקייט דא ליגט. וועס איז גווארין אגנץ אונ אונטער דיא ראגאזע איז גילעגין פיל געלט. נאר איך וויל ניט הנאה האבען פון דיא וועלט:

ד רבי עקיבא האט מקדש גיוועזן דיא טאכטער פון כלבא שבוע ועיין כתובות פרק ה; דיא כלבא שבוע האט דאס גיהערט האט ער אנדר גיטאהן זיין טאכטער זאל ניט הנאה האבן פון זיין פאר מעגין. אונ דיא טאכטער איז גיגאנגען אונ האט חתונה גיהאט מיט רבי עקיבא אום ווינטער. אונ זייא זענין גישלאפין אויף שטרויא. אין דער פריא פלעגט זיא אויס קלויבין דיא שטרויא פון זיינע האר. האט רבי עקיבא צו איר גזאגט אז איך וועל האבען געלט וועל איך דיר מאכען אגאלדענעם ירושלים דאס איז גיוועזן אזוי אצירונג אגאלדענע בלעך אויס גימאהלט דיא שטאט ירושלים. איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט זיך פאר שטעלט אזוי וויא

אמענטש

מהם: דלא חזי לך: שאינו דומה לך ממשפחה חשובה כמותך: ולא נחית. שלא היו לה בגדים ללבוש: יודע צדיק (דין דלים) [נפש בהמתו] יודע הוא זה דמה שנצטערתי בשבילו אית דאמרי דאיהו הוה ידעה דר"ע הוא ואמרה ליה דלא מתגלית נפשי ואית דאמרי דלא הוה ידעה אלא הכי קא אמרה צדיק לא מבזי לאיניש: שלי ושלכם שלה הוא. תורתי ותורתכם בשבילה הוא שנתנה לי עצה למיזל לבי רב:

איתעתר רבי עקיבא מן (בר) כלבא שבוע. דפליג ליה בנכסיה: אילא דספינתא. ירך בסינה היו עושין דמות איל מעץ לנחש ולסימן שהספינה קלה בהליכתה כאיל והיו ממלאים אותו דינרי זהב. [א"נ] חד מן עזא עושין איל של

תבנא לא אית ליה אמרה ליה דיל הוי בבי רב אזיל הוה תרתי סרי שנין קמיה דר"א ור' יהושע למשלם תרתי סרי שנין קם ואתא לביתיה שמע מאחורי ביתית דקא אמר לה חד רשע לדביתהו שפיר עביד לך אבוך חדא דלא דמי ליך ועוד שבקך ארמלות חיות כולהן שנין א"ל אי מינאי דילי צאית ליהוי תרתי סרי שנין אחרינא אמר הואיל ויהבית לי רשותא אהדר לאחורי' הדר אזל הוה תרתי סרי שנין אחרינתא אתא בעשרים וארבעה אלפין זוגין תלמידים נפוק כולי עלמא לאפיה ואף היא קדמה למיפק לאפיה אמר לה ההיא רשיעא ואת להיכן אזלת אמרה ליה (משלי יב) יודע צדיק (דין דלים) (נפש בהמתו) אתת לאתחזאה ליה קא מרחו לה רבנן אמר להם הניחו לה שלי ושלכם שלה הוא שמע אבוה אתא ואיתשל על נדריה ואשתרי מן נכסיה:

**המן** שית מילי איתעתר ר"ע מן (בר) כלבא שבוע ומן אילא דספינתא דכל ספינתא עבדא ליה

---

אמענטש. אונ האט גזאגט בייא מיר ניט מיר דיא אביסול שטרויא ווארום מיין ווייב האט געבארין אקינד. אונ איך האב גאר ניט אויף וואס איר צוא לייגין שלאפין. האט רבי עקיבא גזאגט צוא זיין ווייב זעה דעם מענטשין אפילו אביסול שטרויא האט ער ניט. האט דאס ווייב גזאגט צו רבי עקיבא גייא לערנען אין בית המדרש. איז ער גיגאנגען אין בית המדרש אונ האט גילערנט צוועלף יאהר פאר רבי אליעזר אונ רבי יהושע. ווייא דיא צוועלף יאהר האבען זיך אויס גילאזין. איז רבי עקיבא גיקומען אהיים. ווייא ער איז גישטאנען אינטער דיא שטוב אידער ער איז אריין גיגאנגען. האט ער גיהערט ווייא א רשע זאגט צוא זיין ווייב, דיין פאטער האט דיר גוט גיטאהן: וואס ער האט אנדר גיטאהן דוא זאלסט ניט הנאה האבען פון זיין פאר מעגין. איין מאהל ווייל דיין מאן איז ניט גלייך צוא דיר. ער איז ניט אזוי איידעל ווייא דוא ביסט. אונ דאס אנדערע ער האט דיך גילאזין אלעבעדיגע אלמנה אויף דיין גאנץ לעבין: האט זיא גזאגט צוא דעם רשע ווען מיין מאן וואלט מיך געפאלגט וואלט ער גילערנט אין בית המדרש נאך צוועלף יאהר. האט רבי עקיבא גזאגט צוא זיך אליין. ווייל מיין ווייב גיט מיר רשות (זיא ערלויבט מיר) וועל איך גיין צוריק אין בית המדרש. איז ער גיגאנגען צוריק אין בית המדרש אונ האט גילערנט נאך צוועלף יאהר. איז ער גיקומען אהיים מיט פיר אונ צוואנציג טויזענד פאר תלמידים. זענען אלע מענטשין פון שטאט ארויס גיגאנגען געגין רבי עקיבא. אונ דיא ווייב פון רבי עקיבא איז אויך גיגאנגען אנטקעגין. האט דער רשע צוא איר גזאגט וואו הין גייסטו. עס איז ניט שיין דוא זאלסט גיין אין אזעלכע ארעמע קליידער) אונ זייא האבען בריידע ניט גיוואוסט אז דאס איז איר מאן רבי עקיבא מען האט נאר גיהערט אין שטאט אז עס קומט אחכם מיט פיר אונ צוואנציג טויזענד פאר תלמידים. זענען אלע גילאפין אנטקעגין. האט זיא גזאגט צו דעם רשע אצדיק ווייס דעם נפש פון זיין בהמה. ער איז ניט מצער אונ פאר שעמט ניט אפילו אבהמה וועט ער אארעמע מענטשין געווים ניט פאר שעמען. ווייא זיא האט גיזעהן אז דאס איז איר מאן. איז זיא צו גיגאנגען צו אים. האבען איר דיא תלמידים גיוואלט אפ שטויסין. האט רבי עקיבא צוא זייא גזאגט לאזט איר. מיין תורה אונ אייער תורה. איז אלץ דורך איר. ווייל זיא האט מיר גיגעבין אעצה איך זאל גיין אין בית המדרש לערנען. דער נאך האט דער פאטער גיהערט אז רבי עקיבא איז איר מאן. איז ער גיקומען מען זאל אים מתיר זיין דעם נדר כדי עקיבא מיט זיין ווייב זאלין מעגין הנאה האבין פון זיין פאר מעגין:

הא מן: פון זעקס זאכען איז רבי עקיבא רייך גיווארין. איין מאהל פון כלבא שבוע. ווש

ער

ויזא (חד מן עיזא) [מין עינא] זמנא חדא אנשיוה על כיף ימא אתא הוא אשכחיה ומן גוזא דזמנא חדא יהיב ד' זוזי לספונאי אמר להון אייתו לי מדעם ולא אשכחו אלא גוזא על כיף ימא אתיוה ליה אמרו ליה עביד מרנא עליה אשתכח דהוה מלי דינרי דזמנא חדא טבעה ספינתא וכולי עסקא הוה מחית בההוא גוזא ואשתכח בההוא זמנא [ומן דסרוקיתא] ומן מטרוניתא ומן

והב לו עד ממון סלון: אנשיה על כיף ימא. שכחו לאותו איל על שפת הים ומצאו ר"ע: ומן גוזא. תיבה עשויה להניח בתוכה ממון כספים כדמתרגמינן בי גוזא דרחמנא [לשון] אומר: ד' זוזי לספונאי. לעוברי הים לגרות: אייתו לי מדעם. הביאו לי שום דבר: מרנא עליה. ימתין אדונו עליו עד שגביה לך יותר: ומן מטרוניתא. פעם אחת הוצרכו ר"ע ותלמידיו מעות והלכו אצל מטרוניתא אמרה לו לר"ע כריכי מלוה אותך ותהיה אתה לוה והקב"ה והים ערבים בדבר קבע לה זמן לפרעון כשהגיע הזמן חלה ר"ע הלכה אותה מטרוניתא על שפת הים אמרה רבש"ע גלוי וידוע לפניך שר"ע חולה ולא היה בידו לפרוע חובו ראה שאתה ערב בדבר מיד נשתטית בתו של קיסר ונטלה ארגז מלא אבנים טובות ודינרי זהב וזרקה לתוך הים והים הביאהו במקום שהיתה אותה מטרוניתא יושבת על שפת הים מיד נטלה אותו ארגז והלכה לה לימים נתרפא ר"ע ובא לו אצל ההיא מטרוניתא ומעותיו בידו לפרעון חובו אמרה לו הזכרתי אצל הערב וזאת פרע כל כתוב ושא לך מה

---

ער האט אים גיגעבין אהאלבין פאר מעגין. צווייטינס פון דעם איל וואס אויף דיא שיף ווארום פאר צייטין פלעגין דיא שיפערס מאכען אויף דיא שיף אאיל דאס איז אחיה וואס לויפט געשווינד) פון האלץ. אונ איניווייניג פלעגין זייא אן שטעלן רענדלאך גאלדענע דאס זאל זיין אגוטער סימן: אז דיא שיף זאל לויפען אזו געשווינד וויא דיא חיה. אונ זיא זאל ברייגען מיט איר האנדל פיל גאלד. אמאהל האט מען פאר געסין אונ מען האט גילאזט שטיין דעם איל מיט רענדלאך ביי דעם ברעג ים: איז גיקומען רבי עקיבא אונ האט אים גיפונגען. דם דריטע, פון דעם קאסטין פון דיא שיף. אמאהל האט רבי עקיבא גיגעבין פיר גילדען צו דיא שיפערס אונ ער האט גזאגט צוא זייא ברייננגט מיר עפעס. האבען זייא ניט גיהאט וואס אים צו ברייננגן. נאר זייא האבען גיפונגען אקעסטיל ביי דעם ברעג ים. האבען זייא גיבראכט דיא קעסטל צו רבי עקיבא: אונ זייא האבען גזאגט צוא רבי עקיבא זאל אונזער רבי ווארטין ביז מיר וועלין עפעס ברייננגען. האט רבי עקיבא גיעפינט דיא קעסטיל אונ האט גיפונגען אין איר פול געלט. ווארום אמאהל איז דער טרונקין גיווארין א שיף: אונ דאס גאנצע אוצר פון דער שיף איז גילעגין אין דעם קעסטיל. אונ איצט האט מען דיא קעסטיל גיפונגען בייא דעם ברעג ים. אונ דיא קעסטיל איז גיוועזען פון ישמעאלים (טערקען): ועיין מהרש"א. דיא פיערטע. פון אבייכע פרויא. אמאהל האט רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים גידארפט געלט. איז רבי עקיבא גיגאנגען צוא אבייכע פרויא זיא זאל אים דאס געלט בארגין. האט זיא גזאגט צו אים איך וועל דיר בארגין דאס געלט: נאר אויב גאט אונ דער ים וועלין מיר גוט שטיין פאר דעם געלט. אויב דו וועסט מיר ניט בצאהלין זאלין זייא מיר בצאהלין. אונ רבי עקיבא האט אויס גיזעצט א צייט ווען ער זאל בצאהלין. ווען דיא צייט איז גיקומען צום בצאהלין איז רבי עקיבא קראנק גיווארין. איז גיגאנגען דיא פרויא צום ברעג ים. אונ זיא האט גזאגט רבונו של עולם דוא ווייסט דאך אז רבי עקיבא איז קראנק אונ ער קען ניט בצאהלין אונ ער האט גזאגט אז דוא אונ דער ים וועלין בצאהלין: איז באלד משוגע גיווארין דיא טאכטער פון קיסר. אונ זיא האט גינומען א קעסטיל פול מיט דימאנטען אונ גאלדענע רענדלאך אונ האט אריין גיווארפין אין ים. אונ דיא קעסטיל איז גישוואומען ביז צוא דעם ארט ים וואו דיא פרוי איז גישטאנען. האט זיא גינומען דאס קעסטיל אונ איז גיגאנגען אהיים. דער נאך איז רבי עקיבא גיזונד גיווארין. איז ער גיקומען מיט געלד צוא דיא פרויא איר בצאהלין דעם חוב. האט דיא פרויא גזאגט איך בין גיוועזען ביי דעם ים וואס ער איז גוט גישטאנען פאר דעם געלט. אונ ער האט מיר בצאהלט דעם גאנצען חוב. אונ נא דיר אוועק וואס ער האט מיר גיגעבין. אונ פון דעם געלט איז רבי עקיבא רייך גיווארין: דיא פינפטע. פון טורנוסרופוס ווייב איז אויך רבי עקיבא רייך גיווארין. ווארום רבי עקיבא אונ טורנוסרופוס פלעגין אריין קומען צום קיסר. אונ ווען זייא פלעגין זיין בייא דעם קיסר. פלעגט רבי עקיבא דער צערענען דעם טורנוסרופוס. ער פלעגט אים פרעגין קשיות פון

פסוקים

ומן אשתו של טורנוסרופוס ומן קטיעא בר שלום

(ע"ב) ו **רב** גמדא יהב ד' זוזא לספונאי לאתויי בהו מדעם לא אשכחו איתו ליה בהון קופא אישתמיט עייל לחרתא חפרו בתריה אשכחוה דרביע על מרגליתא איתינון ליה כולהון:

ז **אמרה** ליה בת קיסר לר' יהושע בן חנניה (חכמה) [תורה] מפוארה בכלי מכוער א"ל לא למדת מבית אביך במה מתתין יין אמרה ליה במאני דפחרא • אמר

שנתן לו יותר ומאותו ממון שהחזירה לו נתעשר ר"ע: ומן אשתו של טורנוסרופוס. שהיה ר"ע מקפח נקרא בפני קיסר ומקנתרו בדברים פעם אחת באת לביתו סר וזעף אמרה ליה אשתו מפני מה פניך זועפים אמר לה מפני ר"ע שמקנטר אותי בכל יום בדברים אמרה לו אלהיהם של אלו שונא זמה הוא תן לי רשות ואכשיל אותו בדבר עבירה לפי שהיא יפת תואר נתן לה רשות ונתקשטה והלכה לה אצל ר"ע וגלתה שוקה כשראה ר"ע אותה רק ושחק ובכה אמרה לו מה אינון הני תלת מלין אמר לה שתים אפרש שלישית לא אפרש רקקתי על שבאת מטפה סרוחה. בכיתי על שזו שופרא דבלי בארעא והוא שחק שלפה ברוה"ק שעתידה להתגייר ולהנשא לו ולא רצה להודיעה. אמרה לו כלום יש תשובה אמר לה אין הלכה ונתגיירה ונשאת לו לר"ע הכניסה לו ממון הרבה: ומן קטיעא בר שלום. בפ"ק דעבודה זרה שנתן כל ממונו לר"ע ותלמידיו:

קופא. קוף: אישתמיט. ברח ונכנס תוך חור אחד: איתינון [ליה] כולהון. ממדת הכידות ולא מן הדין: מכוער

---

פסוקים. אונ טורנוסרופוס פלעגט ניט וויסען צוא ענטפערין. אמאהל איז טורנוסרופוס גיקומען אהיים זייער טרויעריג. האט דאס ווייב צוא אים גזאגט פאר וואס ביסטו אזו טרויעריג. האט ער צוא איר גזאגט ווייל רבי עקיבא דער צערונט מיך אלע טאג מיט זיינע רייד. האט דס ווייב גזאגט צום מאן דער גאט פון די יודין האט פיינט מען זאל מזנה זיין. ערלויב מיר וועל איך אן ריידין רבי עקיבא ער זאל מיט מיר מזנה זיין וועט ער זינדיג ווערין. האט ער איר ערלויבט. אונ זיא איז גיגאנגען אוים געצירט צוא רבי עקיבא. אונ זיא האט אויף גידעקט אירע אפוס ביז איבער די קניא: רבי עקיבא זאל זעהן איר שיינקייט. אונ ווי רבי עקיבא האט איר פוס דער זעהן האט ער געשפיגען אונ גילאכט אונ גיוויינט. האט זיא גזאגט צוא רבי עקיבא זאג מיר וואס זענען דיא דרייא זאכין. האט רבי עקיבא צוא איר גזאגט צווייא זאכען וועל איך דיר זאגין: אונ דיא דריטע זאך וועל איך דיר ניט זאגין. איך האב געשפיגען ווייל איך האב מיך דער מאנט פון וואס פאר אמיאוס ארט דוא ביסט גיבארין גיווארין. איך האב גיוויינט ווייל אזו אשיינקייט וועט אמאהל פאר פוילט ווערין אין די ערד. אונ וואס ער האט גילאכט ווייל ער האט גיזעהן אז ער וועט מיט איר חתונה האבין. אונ דאס האט ער איר ניט גיוואלט זאגין. האט זיא גזאגט צוא רבי עקיבא קען איך נאך תשובה טאהן: האט רבי עקיבא גיזאגט יא. איז זיא גיגאנגען אונ האט זיך מגייר גיוועזן. אונ האט חתונה גיהאט מיט רבי עקיבא. אונ הט אים גיגעבין פיל געלט. דיא זעקסטע איז פון קטיעא בר שלום. ווארום קטיעא בר שלום האט גישיינקט זיין גאנץ פאר מעגין צוא רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים:

ו רב גמדא האט גיגעבין פיר גילדען צוא דיא שיפערס זייא זאלין אים עפעס ברייגגען. האבען זייא ניט גיפונען וואס צוא ברייגגען פון זיינעט וועגין. האבען זייא אים גיבראכט אמאלפע. איז דיא מאלפע אנטלאפין אונ האט זיך בעהאלטין אין אלאך. האט מען גיגראבין אין דיא לאך ארוים צוא נעמען דיא מאלפע. האט מען גיפונען זיא ליגט אויף אפעריל. האבין די שיפערס גינומען די אלע פעריל אונ האבן גיבראכט צו רב גמדא.

ז אמרה. דיא טאכטער פון קיסר האט גיזאגט צוא רבי יהושע בן חנניה עס איז אזא שיינע תורה אין אמיאוסה כלי. ווארום רבי יהושע איז גיוועזן מיאוס. האט רבי יהושע צו איר גזאגט דוא האסט ניט גילערונט פון וויא עס ווערט געפירט ביא דיין פאטער אין שטוב. אין וואס האלט מען וויין. האט זיא גזאגט אין ערדענע כלים. האט רבי יהושע צוא איר גזאגט אלע מענטשין האלטין וויין אין ערדענע כלים: אונ איר ביי דעם קיזר זאלט אויך האלטין וויין אין ערדענע כלים: איר דארפט האלטין וויין אין זילבערנע אדער אין גאלדענע כלים. איז זיא גגאנגען אונ האט גיהייסען אריין גיסען דיא וויין אין זילבערנע אונ אין גאלדענע כלים. איז דיא וויין זויער גיווארין. האט רבי יהושע צוא איר גזאגט דיא תורה איז אויך אזוי. אז מען

ווערט

אמר לה כ"ע במאני דפחרא ואתון במאני דפחרא אתון אחיתו במאני דכספא ודהבא אזלה ורמת תמרא במאני דכספא ודהבא וסרי. אמר לה אף אורייתא כן. אמרה ליה והאיכא שפירי וגמירי אמר לה אי הוו סנין הוו גמירי טפי:

ח ההיא דאתה לקמיה דרב יהודה [מנהרדעא] לדינא ואתחייבת [מן] דינא אמרה ליה שמואל רבך הכי דנן אמר לה ידעת ליה אמרה ליה אין נוצא ורבה כריסיה אוכם ורבה שיניה אמר לה לבזוייה קא אתית תהוי ההיא אנתתא בשמתא פקעה ומתה:

ט ההוא גברא דיהב עבדא להבריה לאגמורי' אלפא מיני לפדי אגמריה תמני מאה אזמניה לדינא לקמיה דרבי אמר רבי אבותינו אמרו נשינו טובה אנו אפילו בעינינו לא ראינו:

י רבי עבד ליה הלולא לר"ש בריה ולא אזמניה לבר קפרא כתב על בית גננא כ"ד אלפין רבואין דינרין נפקא על בית גננא דין ולא אזמניה לבר קפרא אמר (להון) [ליה] אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכ"ו אזמניה אמ' לעושי רצונו בעולם הזה כך לעוה"ב על אחת כמה וכמה. יומא דמחיך ביה רבי אתיא פורענותא בעלמא

אמר

מגועל. שהיה שחור: וסרי. נתקלקל היין: אם הוו סנין. שלא היו נאים: לפדי. מיני מאכל: לאגמורי' אלפא מיני לפדי. שילמדנו לעשות אלף מיני מאכל: אגמריה לדינא. על ד' מינים שלא לימדו: אבותינו אמרו נשינו טובה: דכתיב נשיתי טובה שראו כבר אבל שעכשיו שכחו: אבל אנו לא ראינו טובה מעולם שאין אנו יודעים כמה מיני טעם יש בפירות כלומר דבר מופלא הוא שכל כך לימדו: נפקי על ביה גננא דין. להוצאה כבוחן: ולא אזמניה לבר קפרא. לפי שהיה איש בדחן ומתיירא שמא יעשה שום דבר שישחוק: [אמר בר קפרא לרבי אם לעוברי רצונו משפיע לו טובה כל כך לעושי רצונו וכו' שהיה מגנהו על שלא זימנו: לעושי רצונו. משפיע לו בעוה"ז טובה כל כך

ווען איר האטעט אין אשיינעם נף. וועט זיא קאליע ווערין. האט זיא גזאגט צוא רבי יהושע עס איז דאך דא שיינע מענטשין אונ קענען לערנען. האט רבי יהושע צו איר גיזאגט ווען זיי וואלטין ניט שיין גיוועזן וואלטין זייא מער גילערנט:

ח ההיא. א אשה איז אמאהל גיקומען פאר רב יהודה פון נהרדעא האבען אדין תורה איז זיא פאר שולדיגט גיווארין צוא בצאהלין. האט דיא אשה גזאגט צוא רב יהודה ביין רבי שמואל האט מיר אזו געמשפט. אנדערש וויא דוא. האט רב יהודה גזאגט צוא דיא אשה. דוא קענסט מיין רבי שמואל. האט זיא גזאגט יא איך קען אים. ער איז אקליינער מיט אגרויסען בויך אשווארצער מיט גרויסע ציין. האט רב יהודה צוא איר גזאגט דוא ביסט גיקומען פר שעמען מיין רבי שמואל. זאל דיא אשה זיין אין חרם. איז איר צוא שפאלטין גיווארין דער בויך אונ איז גישטארבין:

ט ההוא. איינער האט אמאהל גיגעבין זיין קנעכט צו זיין חבר. דער חבר זאל אום לערנען דעם קנעכט טויזענד ערליי עסינס צוא מאכען. דער חבר האט אבער נאר אויס גילערנט דעם קנעכט אכט הונדערט מינים עסין צוא מאכען. ווענן זייא גיקומען האבען אדין תורה פר רבי. האט רבי גזאגט אונזערע עלטערין האבין גזאגט מיר האבען אמאהל גיהאט גוטס. נאר מיר האבען פאר געסין. מיר האבען קיין גוטס אין אונזערע אויגין ניט גיזעהן. מיר האבען קיין מאל ניט געוואוסט אז מען קען מאכען הונדערט ערליי עסינס:

י רבי האט חתונה גימאכט זיין זוהן רבי שמעון. אונ ער האט ניט גיבעטין בר קפרא אויף דער חתונה. האט בר קפרא אויף געשריבען אויף דיא תפה. פיר אונ צוואנציג טויזענד רבוא וארבוא איז צעהן טויזענד גילדין האט גיקאסט דיא חופה. אונ מען האט ניט גיבעטין בר קפרא אויף דיא חתונה. האט בר קפרא גיזאגט צו רבי מאראך דיא וואס טוהען ניט דעם ווילען פון גאט גיט זייא גאט אזוי פיל גוטס. צו דיא וואס טוהען דעם ווילען פון גאט וועט געוויס גאט זייא געבין נאך מעהר גוטס. האט רבי גיבעטין בר קפרא ער זאל קומען אויף דיא חתונה. האט בר קפרא גיזאגט מאראך גאט גיט צו דיא וואס טוהען זיין ווילען. אויף דער וועלט אזוי פיל גוטס. וויא פיל גוטס וועט זייא שוין גאט געבין אויף עולם הבא. דער טאג וואס רבי האט אין איהם גילאכט. איז באלד גיקומען צרות אויף דער

וועלט

אמר ליה לבר קפרא לא תברחן ויהיבנא לך ארבעין גריוי חיטי אמר ליה ליחזי מר (דף נא) בכל גריוא דבעינא שקילנא שקל דיקולא רבה שחייה בכופרא וסחפיה על רישיה ואזל וא"ל ליכול לי מר ארבעין גריוי חיטי דרשינא בך אחוך רבי א"ל לאו אזהרתיך דלא תברחן א"ל חיטי דרשינא קא נסיבנא אמר לה בר קפרא לברתיה דרבי למחר שתינא חמרא ברקידא דאבוך ובקורקני דאמך :

**יא בן** אלעשא חתניה דרבי הוה ועשיר גדול היה (וםטא) [אזמניה] לבי הלולא דר"ש בר רבי א"ל בר קפרא לרבי מא׳ (ויקרא כ) תועבה כל דא"ל רבי דהכי הוא תועבה אקשיה בר קפרא. א"ל (רבי) פרשיה את א"ל תיתי דביתהו תרמי לי נטלא [אחת] אתיא רמיא ליה א"ל לרבי קום רקוד לי ואומר לך הכי אמר רחמנא תועבה תועה אתה בה לכסא אחרינא א"ל מאי (שם יח) תבל א"ל כענינא קדמאה א"ל עבד לי דאומר לך עביד א"ל תבל תבלין יש בה מי

שאתחיל לספר כשבחו בכביל פזימנו] : דכל גריוא דבעינא. בגיזה מדה שתרצה תקח : דיקולא רבה. סל גדול : שחייה בכופרא. עם אותו כוסת כדי שלא יצאו כחטין מתוך נקבי הסל : וכחפיה על רישיה. הפכו על ראשו : ליכול לי מר. יעדוד היטי דרשינא. שהלויתיך כלומר שאתה חייב לי אבדיחותא קאמר : ברקודא דאבוך. שירקוד אביך ובקולקני דאמך. שתוא תמך מקרקרת ומזמרת :

מאי תועבה. דכתיב גבי משכב זכור : תרמי לי נטלא. תמזוג לי הכוס : נטלא. כלי קטן : שותה אתה בה. שמנית משכבי אשה וכולך אגל זכר : מאי תבל. דכתיב גבי אשה כנרבעת לבהמה : תבלין יש בה. בתמיה : מי שגיות כדת כיהם מכלבו

---

וועלט. דריבער האט רבי גיזאגט צו בר קפרא דו זאלסט מיך ניט פריילאך מאכין : וועל איך דיר געבין פערציג מאסין ווייץ. האט בר קפרא גיזאגט צוא רבי. זאל דער רבי ווערן שיין וועלכע מאס איך וועל וועלין נעמען דיא ווייץ זאל איך נעמען. האט בר קפרא גינומען אגרויסע קארב אונ האט אויסגעשמירט אינווייניג מיט פעך אונ ער האט ארויף גישטעלט דיא קארב אויף זיין קאפ אונ איז גיגאנגען צו רבי. אונ ער האט גיזאגט צו רבי זאל דער רבי מיר אן מעסטין פערציג מאסין ווייץ וואס איך מאן בייא דיר. האט רבי גילאכט. האט רבי צו אים גזאגט איך האב דאך דיר נאר צו גיזאגט פערציג מאסין ווייץ אז דו וועסט ניט מאכין איך זאל לאכין. אבער אז דוא האסט מיך גימאכט צום לאכין. קומט דיר גאר ניט קיין פערציג מאסין ווייץ. האט בר קפרא גזאגט דיא ווייץ וואס איך האב דיר גיבארגט וויל איך צוריק אפ נעמען. (ועיין מהרש"א) בר קפרא האט גזאגט צו דיא טאכטער פון רבי מארגין וועל איך טרינקען וויין אז דיין פאטער וועט טאנצען אונ אויך דיין מוטער וועט מוזען זינגען :

**יא** בן אלעשא איז גיוועזן דער איידים פון רבי אונ ער איז גיוועזן אגרויסער עושר. ווען רבי האט התונה גימאכט זיין זוהן רבי שמעון. האט רבי גיבעטין זיין איידים בן אלעשא ער זאל אויך קומען אויף דער חתונה. בר קפרא האט גיזאגט צו רבי וואס איז טייטש דער ווארט תועבה. וויא רבי האט גיטייטשט דאס ווארט תועבה. האט אים אלץ בר קפרא אפ גיפרעגט. עס איז ניט אזוי. האט רבי גיזאגט צו בר קפרא זאג דוא וואס איז דער טייטש תועבה. האט בר קפרא גזאגט צו רבי זאל קומען דיא וויב פון רבי אונ זאל מיר אן גיסען אכוס וויין. איז זיא גיקומען אונ האט אים גיגעבין אכוס וויין. האט בר קפרא גזאגט צוא רבי שטייא אויף אונ טאנץ מיט מיר וועל איך דיר זאגין. אזוי האט גאט גזאגט דער וואס איז מזנה מיט אזכר הייסט ער תועבה. דאס איז דרייא ווערטער : תועה אתה בה : דו ביסט געהירט וגיבלאנדזעט אין דער זאך. ווארום זארכטו מזנה זיין מיט אזכר אונ ניט מיט דיין וויב. צום אנדערין כוס האט בר קפרא גיזאגט צו רבי וואס איז דער טייטש דער ווארט תבל. האט רבי צוא אים גזאגט אויף דעם ווארט תבל אזוי וויא ער האט אים פריער גזאגט אויף דעם ווארט תועבה. אונ בר קפרא האט אים אלץ אפ גיפרעגט. האט בר קפרא גיזאגט צו רבי אז דו וועסט מיר טאהן וואס איך וועל דיר זאגין. וועל איך דיר זאגין וואס איז דער טייטש תבל. האט רבי גיטאהן אלץ וואס בר קפרא האט פארלאנגט. האט בר קפרא גזאגט אז אאשה איז מזנה מיט

אבהמה

מי שניא הדא ביאה מכלהון ביאות ומאי (שם יט) זמה א"ל עביד וכו' א"ל זו מה היא לא יכול בן אלעשה למסבל [קם] ונפק הוא ואנתתיה מתמן:

יב מאי בן אלעשא דתניא לא לחנם פיזר בן אלעשא את מעותיו אלא להראות בהן תספורת של כ"ג דכתיב (יחזקאל מד) כסום יכסמו את ראשיהם תנא בעין לולינית מאי לולינית א"ר יהודה תספרתא יחידתא ה"ד אמר רבא ראשו של זה בצד עיקרו של זה והיינו תספורת של כהן גדול. (פ"נ) [כתיב (יונה ב) וימן ה' דג גדול לבלוע את יונה וכתיב (שם) ויתפלל יונה גו' ממעי הדגה הא לא קשיא דילמא פלטיה דג גדול ובלעיה דג קטן]:

ביאות. כלומר היאך מגונה בן מינים ניקף של שכבתה (ונרבעת): זו מה היא. לשון ספק שאינו יודע ממי מתעברת: לא יכול בן אלעשה למסבל. כל אותן זיונות של רבי לפי שהיה עשיר גדול ולא היה יכול לראות זילותא דחמיו:

מאי בן אלעשה. כלומר מנין דהוה עשיר: פיזר מעותיו. שהיה נותן ממון גדול לספר שהיה מספר לו כתגלחת של כ"ג: תספורת יחידאה. באין כמותה: שהוא מופקר לכל. ללמוד תורתו לכל: [נחליאל. נעשים לו התורה כמו נחלה: שמוקעת

# הנודר מן הירק פרק שביעי

(דף נד) א [אמר שמואל נו"ן סמ"ך עי"ן גונא סמא לעינים] מאי דכתיב (במדבר כא) וממדבר מתנה וממתנה נחליאל ומנחליאל במות כיון שעושה אדם את עצמו כמדבר שהוא מופקר לכל תורה נתנה לו במתנה שנאמר [וממדבר מתנה וכיון שנתנה

---

אבהמה. פרעגט מען איר איז דאס הבל. איז אין דעם דא בשמים. האסטו דען הנאה גיהאט פון דעם זנות מעהר וויא מיט אמאן. דער נאך האט בר קפרא גיפרעגט. בייא רבי וואס איז דער טייטש דער ווארט זמה. און אויך גיוועזן אזוי וויא פריער. ביז בר קפרא האט גזאגט זמה איז דבייא ווערטער זו מה היא. וואס איז דאס. פון וועמען איז דאס קינד. אבער בן אלעשא האט ניט גיקענט ליידין וויא בר קפרא פארשעמט דעם שווער זייגעם. איז ער מיט זיין ווייב אוועק גיגאנגען פון דער חתונה:

יב מאי. פון וואנען וויסין מיר אז בן אלעשא איז גיוועזן רייך. ווארום מיר האבין גילערנט ניט אומזיסט האט בן אלעשא גיגעבין אזוי פיל געלט צו אשערער. ער האט גיוואלט אז דער שערער זאל אים ווייזין אונ שעריך אזוי וויא דער כהן גדול איז גיוועזן גישארין. ווארום עם שטייט אין פסוק זייערע קעפ זאלין זיין בדעקט מיט האר. מיר האבין גילערנט עס איז גיוועזן אזוי וויא לולינית. וואס איז לולינית. האט רבי יהודה גזאגט דאס איז גיוועזן אאיינצעלנע שערין. קיין מענטש איז ניט גיוועזן אזוי גישוירין וויא דער כהן גדול. וויא אזוי איז גיוועזן דאס שערין. האט רבא גזאגט דער שפיץ פון דעם האר האט גיגרייכט ביז צום ווארציל פון דעם אנדערין האר. אזוי איז גיוועזן גישארין דער כהן גדול. עס שטייט אין פסוק גאט האט אנגיגרייט אגרויסין פיש איין צו שלינגען דעם נביא יונה. אונ עס שטייט אין פסוק יונה האט מתפלל גיוועזן צו גאט אין דעם בויך פון פיש: אונ ער האט גזאגט אז אים איז דארט אייגג. דאס איז ניט קיין קשיא טאמער האט אים דער גרויסער פיש אויס געשפייען. אונ אקליינער פיש האט אים איינגישלונגען:

## פרק שביעי

א אמר. שמואל האט גזאגט נו"ן סמ"ך עי"ן. פיש מאכט בלינד דיא אויגען: אז מען עסט פיל פיש ווערט טונקעל דיא אויגען. עס שטייט אין פסוק וממדבר מתנה וממתנה נחליאל ומנחליאל במות. אז דער מענטש מאכט זיך אזוי וויא דער מדבר וואס ער איז הפקר ופרייא צוא אלע מענטשין. אלע מענטשין מעגין גיין אין דער מדבר אונ הנאה האבען פון אים. אזו האבען אלע מענטשין הנאה פון זיין תורה. ווער עס וויל לערנען פון אים תורה: לערנט ער מיט אים. שיינקט גאט צוא דעם מענטש דיא תורה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק

וממדבר

שנתנה לו במתנה נחלו אל שנאמר] וממתנה נחליאל וכיון שנחלו אל עולה לגדולה שנא' ומנחליאל במות ואם הגביה את עצמו הקב"ה משפילו שנאמר (שם) ובבמות הגיא ולא עוד אלא ששוקעין אותו בקרקע שנאמר (שם) ונשקפה על פני הישימון ואם חוזר בו הקב"ה מגביהו (ע"ב) שנא' (ישעיה מ) כל גיא ינשא:

(דף נו ע"ב) **ב** מנ"ל דעיבורא דמתא כמתא דמי א"ר יוחנן דאמר קרא (יהושע ה) ויהי בהיות יהושע ביריחו נו' מאי ביריחו אילימא ביריחו ממש והא כתיב (שם) ויריחו סוגרת ומסוגרת אלא ש"מ בעיבורה אימא אפילו בתחומה הא כתיב בתחומה (במדבר לה) ומדותם מחוץ לעיר:

שוקעין אותו. בארץ כמו ואשקוף]: כל גיא ינשא. אע"ג דלא כתיב נמי האי קרא דמנחליאל במות דהא איהו כתיב בתורה והאי בנביאים אפילו הכי כיון דכתיב דהקב"ה משפיל כגאה מייתי ראיה שהמשפיל עצמו סופו לנשאת מדכתיב כל גיא ינשא: אלא ש"מ בעיבורה הוה קאי. וקרי ליה ביריחו: אימא אפי' בתחומה. הוי בתוך העיר והאי דכתיב ויהי בהיות יהושע ביריחו בתחומה הוי קאי: דכתיב ומדותם מחוץ לעיר. אלמא תחום העיר חוץ לעיר מקרי ואינו מן העיר: [אשכחיה. לרבי טרפון גוסיה דקא אכיל מן התאנים דקא סבר דהפקירא נינהו]: שהוקפלו. שהגיעו השכינים כלומר שכבר כלה קיץ התאנים: המקצועות. הסכינים שהם מיוחדים לחתוך התאנים כשעושין מהם עגולים נקראים מקצועות והאי הכין דקרי קרא לסכינים מקצועות דכתיב יעבהו במקצעות והפי' העגולים עצמם נקראים כן על שמם: [אשכחיה. נ' טרפון דקא

# קונם יין פרק שמיני

(דף סב) **א** רבי טרפון אשכחיה ההוא גברא בזמן שהוקפלו (רוב) המקצועות דקא אכיל אהתיה

---

וממדבר מתנה. פון מדבר ווע ט דיא תורה גישיינקט אמתנה. אונ אז דיא תורה ווערט גישיינקט צוא דעם מענטש. נחלי אל. ווערט דער מענטש גירופען דיא נחלה פון גאט ; אזוי וויא עם שטייט אין פסוק וממתנה נחליאל. פון מתנה איז ער דיא נחלה פון גאט. אונ אז דער מענטש איז דיא נחלה פון גאט. ווערט ער גרויס. איז וויא עם שטייט אין פסוק ומנחליאל במות. פון נחליאל ווערט ער דער הייכט. אונ אויב דער מענטש איז גרויס ביא זיך ; וועט אים גאט אראפ נידערין. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק ומבמות הגיא. פון דיא הייך וועט ער אראפ נידערין אין טאהל. אונ נאך נידעריגער וועט ער ווערין מען וועט אים איינזעצין ביז אין דיא ערד. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק ונשקפה על פני הישימון. נשקפה איז אזוי וויא משקוף. אשוועל וואס זיצט אין דיא ערד אונ אלע טרעטין אוף אים ; אונ אויב דער מענטש האט חרטה. ער טוהט תשובה ; אונ ווערט ביא זיך נידעריג. וועט אים גאט אויף הייבען. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק כל גיא ינשא. אלע טאהלין וועלין דער הייבין ווערין:

**ב** מנא לן. פון וואנען ווייסען מיר אז ביז זיבעציג איילען פון שטאט. ווערט גירעכנט אזוי וויא אין שטאט. האט רבי יוחנן גזאגט עם שטייט אין פסוק ווען יהושע איז גיוועז אין יריחו ; וואס מיינט מען אין יריחו. טאקי אין שטאט יריחו. עם שטייט דאך אין פסוק יריחו איז גיוועז פאר שלאסען. נאר מען מיינט ער איז גיוועז נאנט פון יריחו. אין דיא זיבעציג איילין פון שטאט. איז גלייך וויא ער וואלט גיוועז אין שטאט. פרעגט דיא גמרא טאמער איז יהושע גיוועז ווייטער וויא זיבעציג איילען פון שטאט נאר אין צוויי טויזענד איילען פון שטאט. אונ ביז צוויי טויזענד איילען פון שטאט איז גלייך וויא אין שטאט. ענטפערט דיא גמרא ביי צוויי טויזענד איילין שטייט אין פסוק איר זאלט מעסטין אויסער דיא שטאט. זעהן מיר אז ווייטער וויא זיבעציג איילין הייסט שוין אויסער דיא שטאט:

# פרק שמיני

**א** רבי טרפון האט אמאהל געפונען פייגען אין אפעלד. אונ ער האט זייא גיגעסין ; אין דיא צייט וואס מען האט שוין בעהאלטען דיא מעסערס פון דיא פייגען שניידען. זענען שוין די פייגען גיוועזן הפקר ; אונ דער היטער פון דעם גארטען האט דאס גיזעהן. האט ער גינומען

אחתיה בשקא ושקליה ואמטיה למשדי בנהרא אמר אוי לו לטרפון שזה הרגו שמע ההוא גברא שבקיה וערק א"ר אבהו משום ר' חנניה בן גמליאל כל ימיו של ; ותו צדיק היה מצטער על דבר זה אמר אוי לי שנשתמשתי בכתרה של תורה דאמר רבה בר בר חנ"ה אמר ר' יוחנן כל המשתמש בכתרה של תורה נעקר מן העולם ק"ו ומה בלשאצר שנשתמש בכלי קדש שנעשו [כלין] חול שנאמר (יחזקאל ז) ובאו בה פריצים וחללוה כיון שפרצוה נעשה חול נעקר מן העולם דכתיב (דניאל ה) ביה בליליא קטיל בלשאצר המשתמש בכתרה של תורה שהוא קיים לעולם ועד עאכ"ו . ור' טרפון כיון דכי אכיל הוקפלו רוב המקצועות הוה אמאי צעריה ההוא גברא (משום דההוא) הוה גנבי ליה ענבי כולה שתא וכיון דאשכחיה לר' טרפון סבר היינו דגנבן אי הכי אמאי ציער נפשיה משום דר' טרפון עשיר גדול הוה והוה ליה לפייסו בדמים :

כהוא גברא שהיה מתמרן : שמע ההוא גברא . כהיל שרבי טרפון היה : שנשתמשתי בכתרה של תורה . שהניחו כשהודיע שהוא ר' טרפון ואלא הניחו אלא לכבוד תורתו : [פריצים . שהוציאו מבית המקדש ונעשה חול ואעפ"כ נהרג עליהם בלשצר] : אי הכי ר' טרפון אמאי ניער נפשיה . אי אמרת בשלמא דלא הוה קפיד ההוא גברא אלא אהסיה בעתא משום הכי הוה מצטער הילך לא הודיעו דבזמן שהוקפלו רוב המקצועות ספקא הוא ניהו ואי"ל לא אית ליה לשלם ליה ההוא פורתא אלא אי אמרת דכולה שתא הוו גנבין ליה ענבי מאי הוה ליה למעבד לר' טרפון וכי הוה ליה לשלומי דמי טובא דלא מיחייב בהו ומסקיק דאפ"ה כיון דעשיר גדול הוה מיהו דוקא כי האי גוונא הוה דאסור משום דההוא גברא עדיין הוה לכבוד תורתו הוא שהניחו אבל ודאי לפטור עצמו בכבוד התורה ממה שאינו חייב בו שרי כדאמרינן לקמן שרי ליה לצורבא מרבנן למימר לא יהיבנא : כרגא ושרי ליה נמי למימר עבדא לי סיגראי כריתא שביוצא במצרים כללו זכהה תורה לתלמידי חכמים כמו שזכתה לכהנים ולוים מבזבוז ומעבודות :





רבי טרפון אונ האט אים אריין געלייגט אין אזאק אונ האט אים גיטראגען ווארפען אים אין טייך ; וויא רבי טרפון איז גילעגין אין זאק . האט ער גזאגט ווייא צוא טרפון אז דר מענטש גייט אים הרגנן . האט דער מענטש גיהערט אז דאס איז רבי טרפון . האט ער אים גילאזט ליגען אונ איז אנטלאפין גיווארין . האט רבי אבהו גזאגט פון רבי חנניה בן גמליאלס וועגין . אז לאנג וויא רבי טרפון האט גילעבט האט ער גיהאט צער פון דער זאך . אונ ער הט גזאגט ווייא צוא מיר איך האב גענוצט מיט דיא קרון פון דער תורה . ווען נים דיא תורה וואס איך האב גילערנט וואלט מען מיך דאך גיהרגת . ווארום רבה בר בר חנה הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער וואס גיצט מיט דיא קרוין פון דיא תורה ווערט ער אויס געריסען פון דער וועלט ; ווארום מאדאך בלשאצר וואס ער האט גענוצט מיט דיא היילינע כלים וואס דיא היילינקייט איז שוין פון זייא אוועק גיגאנגען ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וויא דיא גוים זענען גיקומען אין בית המקדש ; איז אראפ דיא היילינקייט פון אלע היילינע זאכען ; פון דעסטוועגין איז ער אויס געריסען גיווארין פון דער וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא נאכט איז בלשאצר גיהרגת גיווארין . דער וואס גיצט מיט דיא קרוין פון דער תורה וואס איר היילינקייט איז אויף אייביג . איז געווים אז ער וועט אויס געריסען ווערין פון דער וועלט . פרעגט די גמרא אז רבי טרפון האט גינעסען דיא פייגען האט מען שוין גיהאט בעהאלטען אלע מעסערס פון פייגען שניידען . זענען דאך שוין דיא פייגען וואס אין פעלד גיוועזען הפקר . פר וואס הט אים דער מענטש גיוואלט הרגנן . זאגט דיא גמרא ווייל ביי דעם מענטש הט מען גיגנבת ווייגטרויבען אגאנץ יאהר . אונ ער האט נים געוואוסט ווער . וויא ער הט געפונען רבי טרפון עסט אין פעלד פייגען . האט ער גימיינט אז ער איז דער גנב פון דעם גאנצען יאהר . פרעגט דיא גמרא וויא מיר האבען פריער גימיינט אז דער היטער האט נאר גימאנט פאר דיא איצטיגע ביסול פייגען וואס רבי טרפון האט גיגעסען . איז רעכט וואס רבי טרפון האט צער גיהאט וואס ער האט גזאגט אז ער איז אלמדן . ווארום ער האט גידארפט בצאלען פאר דיא ביסול פייגען אונ נים גיניצען מיט דיא תורה ; אבער איצט אז מיר זאגען דער היטער האט גימאנט פר די ווייגטרויבען פון גאנצען יאהר . וואס האט רבי טרפון גיזאלט טאהן . האט ער דען גידארפט בצאלען פר אלע ווייגטרויבען פון גאנצען יאהר וואס ער האט נים גיגעסען . האט ער דאך גימוזט גיצען מיט די תורה ; אונ

**ב תניא** (דברים ל) לאהבה את ה' אלהיך לשמוע בקולו ולדבקה בו שלא יאמר אדם אקרא שיקראוני חכם אשנה שיקראוני רבי אשנה שאהיה זקן ואשב בישיבה אלא למוד מאהבה וסוף הכבוד לבא שנא' (משלי ז) קשרם על אצבעותיך כתבם על לוח לבך (ואומר (שם ו) קשרם על לבך תמיד ענדם על גרגרותיך) ואומר (שם ג) דרכיה דרכי נועם וגו' ואומר (שם) עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר ר' אלעזר בן צדוק אומר עשה דברים (לפועלם) (לשם פעלם) ודבר בהם לשמם אל תעשם עטרה להתגדל בהם ואל תעשם קרדום להיות עודר בו וק"ו ומה בלשאצר שלא נשתמש אלא בכלי קדש שנעשו (כלי) חול נעקר מן העולם המשתמש בכתרה של תורה עאכ"ו. אמר רבא שרי ליה לאינש לאודועי נפשיה באתרא דלא ידעין ליה דכתיב (מ"א יח) ועבדך ירא את ה' מנעוריו אלא קשיא דרבי טרפון משום דעשיר גדול הוה והוה ליה לפייסיה בדמים. רבא רמי כתיב

ועבדך

פירוש

קושרם על אצבעותיך. כלומר לא תכוין להתחכם אלא כדי שיהו שגורין בפיך והוסיף על זה ואמר ענדם על גרגרותיך ואח"כ כתיב דרכיה שסוף הכבוד לבא שנאמר דרכיה דרכי נועם והאומר ותומכיה מאושר: לפועלם. לשם הקב"ה שפעלם ואמר עליהם: ודבר בהן לשם שמים. שתהא כל משאך לשם שמים: להיות עודר בו. להשתכר ממנו כדי לאכול: ולא תעשם עטרה להתגדל בהם. שהלמוד כדי להתעטר ולהתגדל: שנאמר ועבדך ירא את ה'. דהשתא דאליהו לא הוה ידע ליה: אלא קשיא דר' טרפון. דהא שרי לאינש לאודועי נפשיה שהוא הכא במקום שאין מכירין אותו אמאי

---

נאגען ווער ער איז. פאר וואס האט ער צער געהאט. ענטפערט די גמרא ווייל רבי טרפון איז געווען גאנץ רייך האט ער געדארפט בצאהלען וויא פיל מען הט ביי אים געמאנט. און ניט זאגען ווער ער איז:

ב תניא. מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ליב האבען גאט און זאלסט הערען וואס ער וועט דיך געביטען און זאלסט דיך בהעפטען צוא אים. א מענטש זאל ניט זאגען איך וועל לערנען תנ"ך וועט מען מיך רופען חכם. איך וועל לערנען משניות וועט מען מיך רופען רבי. איך וועל לערנען גמרא אז איך מער אלט ווערין וועל איך זיין א ראש ישיבה: נאר א מענטש זאל לערנען ווייל ער האט ליב גאט און ער האט ליב די תורה. און דער כבוד וועט שוין אליין קומען. אזו וויא עס שטייט אין פסוק זאלסט אן בינדען די תורה אויף דיינע פינגער. זאלסט שרייבען די תורה אויף דעם טאוועל פון דיין הארצען. נאך זאגט דער פסוק זאלסט די תורה אן קניפען אויף דיין הארץ שטענדיג. זאלסטו זיא אן בינדען אויף דיין האלדז. נאך זאגט דער פסוק איהרע וועגין זענען זיסע וועגין: נאך זאגט דער פסוק די תורה איז א בוים פון לעבין צוא דיא וואס האלטען איהר. און דיא וואס לעהנען אונטער דיא תורה וועלין זיין גליקלאך. רבי אליעזר בן צדוק זאגט דוא זאלסט טאהן מצות ווייל גאט האט געבאטען מען זאל זייא טאהן. און דוא זאלסט ריידען אין דער תורה ווייל גאט האט געבאטען מען זאל לערנען תורה. דוא זאלסט ניט מאכען דיא תורה און מצות פאר א קרוין דו זאלסט דיך ניט גרוס האלטען דורך איהר. און דוא זאלסט ניט מאכען דיא תורה פאר א האק צוא גראבען מיט איהר דוא זאלסט דורך דיא תורה פאר דינען געלט: וואדום מאדאך בלשאצר וואס ער האט גענוצט מיט דיא היילינגע כלים וואס דיא היילינגקייט איז שוין פון זייא אוועק גינאנגען. איז ער אויס געריסען געווארין פון דער וועלט. דער וואס נוצט מיט דיא קרוין פון דער תורה. איז געווים אז ער וועט אויס געריסען ווערין פון דער וועלט. רבא זאגט א מענטש מעג זיך געבין צו דער קענען וואו מען קען אים ניט. אז ער קומט אין א שטאט וואו מען קען אים נישט. מעג ער זאגין איך בין פון דער שטאט און בין א למדן. אזו וויא עס שטייט אין פסוק עובדיהו הט געזאגט צו אליהו הנביא דיין קנעכט האט מורא פאר גאט פון זיין יוגענד. פרעגט דיא גמרא איז דאך א קשיא אויף רבי טרפון. פאר וואס האט ער געהאט צער וואס ער האט געזאגט צום שומר ווער ער איז: מען מעג דאך זאגין: ענטפערט דיא גמרא ווייל רבי טרפון איז געווען א גרויסער עושר ער בעדארפט געבין געלט צום שומר און ניט זאגין ווער

ער

ועבדך ירא את ה' מנעוריו וכתיב (משלי כז) יהללך זר ולא פיך הא באתרא דידעין ליה הא באתרא דלא ידעין ליה ואמר רבא שרי ליה לצורבא מרבנן למימר צורבא מרבנן אנא שרו לי תגראי ברישא דכתיב ובני דוד כהנים היו וכי כהנים היו אלא מה כהן נוטל חלק בראש אף ת"ח נוטל חלק בראש וכהן מנ"ל דכתיב (ויקרא כא) וקדשתו כי את לחם אלהיך הוא מקריב וגו'. ותנא דבי ר"י וקדשתו וגו' לכל דבר שבקדושה (ע"כ) לפתוח ראשון ולברך ראשון וליטול מנה יפה ראשון. ואמר רבא שרי ליה לצורבא מרבנן למימר לא יהיבנא אכרגא דכתיב (עזרא ד) מנדה בלו והלך וגו'. ואמר רב יהודה מנדה זו כנת המלך בלו זה כסף גולגלתא והלך זה ארנונא ואמר רבא שרי ליה לצורבא מרבנן למימר עבדא דנורא אנא לא יהיבנא אכרגא מ"ט לברוחי אריא מיניה קאמר. רב אשי הוה ליה אבא זבניה לבי נורא א"ל רבינא לרב אשי הא איכא (ויקרא כט) ולפני עור לא תתן מכשול אמר להו רוב עצים להסקה ניתנו :

טפי נפשיה בשביל שהודיע לנו שהוא חכם : שרו לי תגראי ברישא. התירו תגר שלי כלומר פסקו לי דיני תחלה: ובני דוד כהנים היו. שהיו חכמים והיו דינם ככהנים : לפתוח ראשון. בקריאת התורה שקורא ראשון : ולברך ראשון. ברכת המזון שהוא קודם לכל אדם : וליטול מנה יפה ראשון: אם בא לחלוק דבר עם ישראל עושה ישראל ממנו שני חלקים שוים וכהן בורר איזו מהן שירצה : והלך זה ארנונא. סעודת המלך כשהולך ממקום למקום : ארנונא. בלשון יון סעודה לא שותפות שיש לו למלך בבהמות דארנונא לשון שותפות מדכתיב כי ארנון גבול מואב בין מואב ובין האמורי : עבדא דנורא אנא. עבד לאש שהוא כומר לעובדי האש שעבדיו פטורים מכרגא ולא הוי כמודה בעבודה זרה דמוכחא מלתא דלא אמר הכי אלא לאפטורי מכרגא והא דקאמר צורבא מרבנן דנוחא קאמר דאפי' צורבא מרבנן שרי ליה למימר הכי דהן סבורין לעבודה זרה והוא לשם שמים כדכתיב כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא : אבא. יער : זבניה לבי נורא. מכרו לעובדי האש שמניחין האור בבית עבודה זרה שלהן : רוב עצים להסקה ניתנו. ואינו כמוכרן לעבודה זרה דהא איכא למתלי בכתירא וכל היכא דאיכא למתלי תלינן:

מי

---

ער איז. רבא האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק עובדיה האט גזאגט צוא אליהו הנביא ביין קנעכט האט מורא פאר גאט פון זיין יוגענד. האט עובדיה זיך אליין גלויבט. עס שטייט דאך אין פסוק זאל דיך לויבען אפרעמדער נים דיין מויל דיך אליין. ענפערט דיא גמרא אין דעם ארט וואו מען קען אים זאל ער זיך נים לויבען. אונ וואו מען קען אים נים מעג ער זיך אליין לויבען. נאך האט רבא גזאגט אלמדן מעג זיך אליין לויבען איך בין אלמדן. פסקנת מיין דין תורה פריער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון דוד זענען גיוועזן כהנים. זענען זיא דען גיוועזן כהנים. נאר אזוי וויא אכהן נעמט אחלק פריער פאר אלע. אזוי אתלמיד חכם נעמט אחלק פריער פאר אלע. אונ דיא קינדער פון דוד זענען גיוועזן תלמידי חכמים. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אכהן נעמט אחלק פריער פאר אלע. וואריום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט אים ודעם כהן הייליגען וואריום דיא ברויט פון דיין גאט איז ער מקריב. האבען דבי רבי ישמעאל גילערונט דוא זאלסט הייליגען דעם כהן צוא יעדער הייליגע זאך. מען זאל דעם כהן אויף רופען צוא דיא ספר תורה. דער ערשטער. בענטשין מיט מזומן זאל דער כהן. אונ אז דער כהן האט שותפות אזאך מיט אישראל. אונ זיא צוא טיילען דיא זאך אויף צוויא גלייכע טייל. נעמט דער כהן פריער דעם בעסטין חלק וועלכין ער וויל. נאך האט רבא גזאגט אלמדן מעג זאגין איך וועל נים געבין פאדאטקעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מנדה בלו והלך געבין זייא נים. אונ רב יהודה האט גזאגט מנדה איז פאדאטקעם. בלו איז קאפ געלט. הלך איז דאס עסין וואס מען גרייט אן פאר דעם מלך ווען ער פארט ארום אין דער מדינה. אויף דער הוצאה געבין געלט דיא אלע מענטשין פון דער מדינה. נאר דער כהן באדאף נים געבין. נאך האט רבא גזאגט אלמדן מעג זאגין איך בין אקנעכט פון דעם כומר וואס דינט צום פייער וועל איך נים געבין פאדאטקעס. וואריום ער זאגט דאס נאר דער ביי זאל פון אידם אנטלויפען ער זאל נים דארפין געבין פאדאטקעם: רב אשי האט גיהאט אוואלד. האט ער אים פאר קויפט צו די וואס דינען צום פייער האט רבינא גזאגט צו רב אשי. עס איז דאך אעבירה. טאמער וועלין זיא דיא האלץ פאר ברענען צוא זייער עבודה זרה. אונ עס שטייט אין פסוק פר אבלינדען זאלסטו נים געבין קיין שטרויכלונג: דאס מיינט מען דוא זאלסט נים ברייננען

# רבי אליעזר פרק תשיעי

(דף סד ע"ב) **א** א"ר יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי כל מקום (שאתה מוצא) [שנא'] נצים נצבים אינם אלא דתן ואבירם אלא מאי (שמות ד) כי מתו כל האנשים וגו' אמר ריש לקיש שירדו מנכסיהם תניא ד' חשובים כמתים עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים עני דכתיב כי מתו כל האנשים מצורע דכתיב (במדבר יב) אל נא תהי כמת סומא דכתיב (איכה ג) במחשכים הושיבני כמתי עולם מי שאין לו בנים דכתיב (בראשית ל) הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי:

(דף סה) **ב** תניא המודר הנאה מחבירו אין מתירין לו אלא בפניו מנה"מ אמר ר"נ (ואי תימא רבי יוחנן) דכתיב

**פירוש**

כל מקום שנאמר נצים נצבים אינם אלא דתן ואבירם. שכן מצינו בהם אשר הצו וכתיב יצאו נצבים הלכך שני אנשים עברים נצים היו דתן ואבירם וכן ויפגעו את משה ואת אהרן נצבים כלו' שנצבים פגעו במשה ואהרן והם היו דתן ואבירם אלמא לא מתו: במחשכים הושיבני כמתי עולם. כשאדם נתון במחשך ואינו רואה חשוב כמת: ארבעה חשובים כמתים. כבר פירשתי בפ"ק מנא לן דירדו מנכסיהם טפי מחד מהנך ארבעה: [אין מתירין לו. לנודר אלא בפניו של מדיר: במדין וכו'. מאי במדין לך אלא הכי קאמר ליה במדין נדרת לפני יתרו לך והתר לפני יתרו שאין מתירין לו לאדם אלא בפניו ויתרו הדירו למשה שלא לשוב מצרים מפני אותן אנשים שמבקשים להרגו ואמר רבי ת"ח מפר לעצמו [illegible]

---

בריינגען אמענטשין צו טאהן אעבירה. האט רב אשי גזאגט דאס מערסטע האלץ פר ברענט מען צום הייצין צום קאכין. טאמער ועט מען דיא האלץ פון מיין וואלד אויך ניצען צום הייצין אונ צום קאכין אונ ניט צוא דיא עבודה זרה:

## פרק תשיעי

**א** אמר רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין. ווא עס שטייט אין פסוק נצים אדער נצבים מיינט מען דאס דתן אונ אבירם. אז עס שטייט אין פסוק שני אנשים עברים נצים. צווייא יודישע מענטשין קריגען. איז דאס גיוועין דתן אונ אבירם. אונ זייא האבין גזאגט פאר פרעה אז משה האט גיהרגת דעם מצרי. האט פרעה גיוואלט הרגנן משה. דער נאך אז גאט האט געשיקט משה ער זאל גיין אין מצרים. האט גאט גזאגט צו משה דיא מענטשין וואס בגערין דוא זאלסט שטארבין. ווענען זייא שוין גישטארבין. איז דאך דתן אונ אבירם גישטארבין. דער נאך שטייט ויפגעו את משה ואת אהרן נצבים. דיא נצבים דאס איז דתן אונ אבירם האבין בגעגינט משהן מיט אהרן. איז דאך אקשיא דער פסוק זאגט דאך פריער אז דתן אונ אבירם ווענען שוין גישטארבין. האט ריש לקיש גזאגט גישטארבין מיינט מען זייא ווענען ארעם גיווארין. מיר האבין גילערנט פיר ערלייא מענטשין ווענען גירעכנט ווייא גישטארבענע. אארעם מאן. אקרעציגער. אבלינדער. אונ דער וואס האט ניט קיין קינדער. אז אארעם מאן איז גלייך וויא גישטארבין. שטייט אין פסוק דיא אלע מענטשין ווענען גישטארבין. האט מען גזאגט פריער אז מען מיינט זייא ווענען ארעם גיווארין. אז אקרעציגער איז גלייך וויא גישטארבין. שטייט אין פסוק ווען מרים איז קרעציג גיווארין האט אהרן גיבעטין זיא זאל ניט זיין וויא טויט. אז אבלינדער איז גלייך וויא גישטארבין. שטייט אין פסוק ער האט מיך גיזעצט אין דער פינסטער אזוי ווי דיא טויטע. אז דער וואס האט ניט קיין קינדער איז גלייך וויא גשטארבין. וואו עס שטייט אין פסוק רחל האט גיזאגט צו יעקב גיב מיר קינדער אונ אויב ניט בין איך גשטארבין:

**ב** תניא. מיר האבין גלערנט למשל ראובן האט גזאגט צו שמעון דו זאלסט טאן אנדר אדער זאלסט שווערין אויב דו וועסט מיר ניט טאן די זאך זאל מיין פארמעגין זיין אסור אויף דיר אונ שמעון האט אזוי גטאהן. ער האט גזאגט איך טוה אנדר אדער איך שווער אויב איך וועל דיר ניט טאהן דיא זאך זאל זיין פארמעגין אויף מיר זיין אסור הנאה צו האבין פון אים. דער נאך אז שמעון וויל מתיר זיין דעם נדר אדער דיא שבועה. קען ער אנדערש ניט מתיר זיין נאר אז ראובן איז דער ביא. פון וואנען ווייסין מיר דעם דין האט רב נחמן גזאגט ווארום עס שטייט אין

פסוק

דכתיב (שמות ד) ויאמר ה' אל משה במדין וגו'. א"ל במדין נדרת לך והתר נדרך במדין דכתיב (שם ב) ויואל משה לשבת את האיש ואין אלה אלא שבועה דכתיב (יחזקאל יז) ויבא אתו באלה וכתיב (דה"ב לו) וגם במלך נ"נ מרד אשר השביעו באלהים מאי כרדותיה אשכחיה צדקיהו לנבוכדנאצר דקא אכל ארנבתא חיה א"ל נבוכדנאצר לצדקיהו אשתבע לי דלא מגלית עלי דלא תתשיל לי מלתא אשתבע ליה לסוף הוה קא מצטער צדקיהו בגופיה איתשיל אשבועתא וגלי ליה שמע נבוכדנאצר דקא מבזין ליה רברבנוהי שלח ואייתי סנהדרין וצדקיהו אמר להו חזיתון מאי עביד צדקיהו לאו הכי הוה דאשתבעית בשמא דשמיא דלא מגלית אמר אתשילית אשבועתאי אמר להון מתשילין על שבועתא אמרו ליה אין. אמר להו בפניו או אפילו שלא בפניו אמרו ליה בפניו אמר להו ואתון מאי עבדיתון מאי טעמא לא אמריתו לצדקיהו מיד (איכה ב) ישבו לארץ ידמו זקני בת ציון א"ר יצחק מלמד ששמטו כרים מתחתיהם:

ארנבתא חיה. שאוכל מבושלת א"ל היה מחם עמו אוכלה כשהיא חיה: הוה קא מצטער צדקיהו בגופיה. שהיה רוצה לגלות הדבר שהיו מבזין אותו בני העולם: איתשיל אשבועתיה. שאל על שבועתו: מאי עבדיתון. דשריתון ליה פי' שלא אמריתון ליה לצדקיהו דלא מצית לאתשולי אלא בפניו]. אין מתירין לו אלא בפניו הפוסקים אומרים בזה לענין דינא אי פירוש בפניו רוצה לומר מדעתו של מדיר אפילו שלא בפניו ממש או דוקא בפניו ואפילו בעל כרחו והעולם לדעת רוב הפוסקים שום שמסתבר שיהא להנאתו של חבירו צריך שיהיה בפניו ואפילו בע"כ:

מתני'

---

פסוק נאט האט גזאגט צו משה אין מדין גיי אין מצרים. צו וואס דארף שטיין דער ווארט במדין אין מדין. נאר אזוי האט גאט גזאגט צוא משה. אין מדין האסטו אנדר גיטאהן. יתרו האט גיהערט דיין נדר. דיא מתיר ביין נדר אין מדין. יתרו זאל וויסען אז מען האט דיר מתיר גיוועזען דעם נדר. פון וואנען ווייסין מיר אז משה האט גישווארין צו יתרו. וואשרום עם שטייט אין פסוק ויואל משה לשבת את האיש. ויאל איז דער טייטש ער האט גישווארין. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק ויבא אותו באלה. אונ ער האט אים גיבראכט אין אשבועה. אונ עם שטייט אין פסוק אין דעם מלך נבוכדנצר האט ער ווידער גישפעניגט וואס ער האט אים בשווארין ביי גאט. וואס האט ער אין אים ווידער גישפעניגט. ווארום צדקיהו האט גיפונען אז נבוכדנצר עסט אלעבעדיגען האז. האט נבוכדנצר גזאגט צו צדקיהו שווער אז דו וועסט ניט אויס זאגין ווארום עם וועט מיר זיין אשאנדע. האט צדקיהו גישווארין. דער נאך האט צדקיהו גיהאט צער פאר וואס ער האט גישווארין ווארום ער האט גיוואלט אויס זאגין. נבוכדנצר זאל זיך שעמען האט צדקיהו גיפרעגט מען זאל אים מתיר זיין דיא שבועה: האט מען אים מתיר גיוועזען אונ ער האט אויסגעזאגט אויף נבוכדנצר אז ער האט גיגעסין אלעבעדיגען האז: האט נבוכדנצר גיהערט אז זיינע גרויסע לייט פארשעמען איהם. האט ער געשיקט ברייננגען דיא סנהדרין אונ צדקיהו. האט נבוכדנצר גזאגט צו דיא סנהדרין איר האט גיזעהן וואס צדקיהו האט גיטאהן. האסטו דען ניט גישווארין ביי דעם נאמען פון גאט אז דוא זאלסט ניט אויס זאגין. האט צדקיהו גזאגט מען האט מיר מתיר גיוועזען דיא שבועה. האט נבוכדנצר גזאגט צו דיא סנהדרין מען קען מתיר זיין אשבועה. האבין דיא סנהדרין גזאגט יא מען קען מתיר זיין אשבועה. האט נבוכדנצר ביי זייא גיפרעגט. דער וואס מען האט צו אים גישווארין מוז זיין דער ביי ווען מען איז מתיר דיא שבועה. אדער מען קען מתיר זיין אן אים אויך. האבין דיא סנהדרין גזאגט דער וואס מען האט צו אים גישווארין מוז זיין דער ביי. אונ אן אים קען מען ניט מתיר זיין: האט נבוכדנצר גזאגט צו דיא סנהדרין וויא האט איר גיטאהן. פאר וואס האט איר ניט גזאגט צוא צדקיהו אז ער טאר ניט מתיר זיין דיא שבועה אן מיין וויסען. זענען באלד געבליבען זיצען אויף דיא ערד אונ האבין געשוויגען דיא אלטע לייט פון ציון. רבי יצחק זאגט מען האט ארויס גינומען דיא קישנס אויף וואס זייא זענען גיזעסין. אונ זייא זענען געבליבען זיצען אויף דיא ערד:

מתניתין

(ע"ב) **ג מתני'** ועוד אמר רבי [מאיר] פותחין לו מן הכתוב שבתורה וא"ל אילו היית יודע שאתה עובר על (ויקרא יט) לא תקום ועל לא תטור ועל (שם) לא תשנא את אחיך בלבבך (שם) ואהבת לרעך כמוך (שם כה) וחי אחיך עמך שהוא עני ואין אתה יכול לפרנסו אמר אילו הייתי יודע שהוא כן לא הייתי נודר ה"ז מותר:

על לא תקום ולא תטור. שאם נקמת ממנו כלי וכו' שאילך והדרתו כמותך או שעשה לך דבר שלא כהוגן ומתוך שאם הדרתו והתורה אמרה לא תשנא את אחיך בלבבך התורה הזקיקתך לפרנסו ולהחזיקו: שהוא עני ואין אתה יכול לפרנסו. ואמר אילו הייתי יודע. בשעת פתח כל תוכחות הללו לא הייתי נודר הרי זה מותר:

(דף סו) **ד מעשה** באחד שנדר מבת אחותו הנייה והכניסוה לבית רבי ישמעאל וייפוה א"ל ר"י בני מזו נדרת א"ל לאו והתירה רבי ישמעאל באותה שעה בכה רבי ישמעאל ואמר בנות ישראל נאות הן אלא שהעניות מנוולתן וכשמת רבי ישמעאל היו בנות ישראל נושאות קינה ואומרות בנות ישראל על ר' ישמעאל בכינה וכן הוא אומר (ש"ב א) בנות ישראל על שאול בכינה:

ההוא

---

ג מתניתין: ועוד. נאך האט רבי מאיר גזאגט דער וואס קומט מען זאל אים מתיר זיין א נדר ולמשל ער האט גיטאהן א נדר זיין חבר זאל ניט הנאה האבען פון אים. ווייל ער האט אים גישט גיוואלט בארגין אזאך: אדער ער האט אים פיינט. אונ איצט וויל ער גוט ווערין מיט זיין חברו. הייבט מען מיט אים אן צו שמועסין פון א פסוק אין דער תורה. אונ מען זאגט צוא אים ווען דו וואלכט וויסען אז אין די תורה שטייט לא תקום ולא תטור. אז דוא ווערסט נעמין ביא דיין חבר ער זאל דיר בארגין א כלי. אונ ער וועט ניט וועלין בארגין דער נאך וועט דיין חבר קומען צו דיר דו זאלסט אים בארגין א כלי טארסטו ניט זאגין צו אים נא דיר די כלי אונ איך בין ניט אזוי שלעכט ווי דוא האסט מיר ניט גיוואלט בארגין. אדער ער בארגט אים גאר ניט. אונ ער זאגט צו אים ווייל דו האסט מיר ניט גיוואלט בארגין וועל איך דיר אויך ניט בארגין. דאס טאר מען אויך ניט. אונ נאך שטייט אין די תורה דו זאלסט ניט פיינט האבין דיין ברודער אין דיין הארצין. אונ נאך שטייט אין די תורה דוא זאלסט ליב האבין דיין חבר ווי דיך אליין. אונ נאך שטייט אין די תורה דיין ברודער זאל לעבין מיט דיר. אונ טאמער וועט דיין ברודער ארעם ווערין אונ וועסט אים ניט קענען העלפין דורך דיין נדר. זאג דו אליין אויב דוא האסט רעכט גיטאהן מיט דיין נדר. אויב ער זאגט ווען איך וואלט וויסען אז עס איז אזוי וואלט איך ניט גיטאהן דעם נדר. זאל מען אים מתיר זיין דעם נדר:

ד מעשה. עס האט אמאהל גיטראפין איינער האט גיטאהן א נדר ער זאל ניט הנאה האבין פון זיין שוועסטערס טאכטער. ער זאל איר ניט נעמען פאר א ווייב. האט מען גיבראכט דאס מיידעל צוא רבי ישמעאל אין שטוב אונ מען האט איהר אויסגעצירט אז זיא זאל שיין גיווארין. האט רבי ישמעאל צו אים גיזאגט מיין זוהן. פון דיא מיידעל האסטו א נדר גיטאהן ווייל דוא האסט מיט איהר ניט חתונה האבין. זיא איז דאך שיין. האט ער גיזאגט ניין. ווען איך וואלט וויסען אז זיא איז אזוי שיין וואלט איך ניט גיטאהן דעם נדר. האט רבי ישמעאל אים מתיר גיווען דעם נדר: דאמאלס האט רבי ישמעאל גיוויינט. אונ ער האט גיזאגט דיא יודישע טעכטער זענען שיין. נאר דיא ארעמקייט מאכט זייא מיאוס. אונ אז רבי ישמעאל איז גישטארבין האבן די יודישע טעכטער גיטרויערט אונ האבין גיזאגט איהר יודישע טעכטער זאלט וויינען אויף רבי ישמעאל. אונ אזוי שטייט אין פסוק דיא יודישע טעכטער זאלין וויינען אויף שאול המלך. ווארום שאול המלך אונ רבי ישמעאל פלעגין גיבין פאר דיא יודישע טעכטער דיא זאלען חתונה האבין:

ההוא

(פ״ג) **ההוא** דאמר לה לדביתהו קונם שאי את נהנית לי עד שתטעימי תבשילך לרבי יהודה ולרבי שמעון ר״י טעים אמר ק״ו ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים המאררים בספק ואני על אחת כמה וכמה ור״ש לא טעים אמר ימותו כל בני אלמנה ואל יזוז שמעון ממקומו ועוד כי היכי דלא לתרגלי למנדר:

ו **ההוא** דאמר לה לדביתהו קונם שאי את נהנית לי עד שתראי מום יפה שביך (לר״ש) [לרבי ישמעאל] בר׳ יוסי אמר להם שמא ראשה נאה אמרו ליה סגלגל שמא שערה נאה דומה לאניצי פשתן שמא עיניה נאות טרוטות שמא אזניה נאות כפולות שמא חוטמה נאה בלום הוא שמא שפתותיה נאות עבות שמא צוארה נאה שקוט שמא כריסה נאה צבה הוא שמא רגליה נאות רחבות כשל אווז שמא שמה נאה לכלוכית [שמה] אמר להן יפה קורין אותה לכלוכית שהיא מליכלכת במומין ושריה:

ימותו כל בני אלמנה. כלומר ימות סבעל והיא תהא אלמנה ואח״כ ימותו בניה: ואל יזוז שמעון ממקומו. שיטעום תבשילה אלמלי לא רצה לטעום: כי היכי דלא להרגלי למנדר. שלא יהו קלים בנדרים:

מום יפה שביך. מתוך שהיו בה כ״ע מומין קאמר לה אם יש בה שום דבר יפה: שמא ראשה נאה. ולכך הדירה שהראהו לו׳ סגלגל. דומה לאניצי פשתן שראשיהן סגלגלים עגולים: טרוטות. רכות: בלום. סתום: מאוד שקוט. שראשה מונח בין כתיפותיה: א״ל יפה אתם קורין אותה לכלוכית שהיא מלוכלכת במומין. זה השם יפה לה ושיהו ודאי מום יפה שבה ועל דעת כן הדירה שהודיעתו אותו דבר יפה דשמה יפה לה שנאמר לכלוכית ואיהי נמי מלוכלכת:

ההוא

---

**ה** ההוא. איינער האט אמאהל געזאגט צו זיין ווייב איך טוה אנדר דוא זאלסט ניט הנאה האבין פון מיר ביז דוא וועסט געבין פארזוכען דאס עסין צו רבי יהודה און רבי שמעון. רבי יהודה האט פארזוכט דאס עסין. ער האט געזאגט אקל וחומר. מאחר דיא תורה האט געזאגט מיין נאמען וואס ער איז געשריבען געווארין מיט הייליגקייט. זאל אפ גימעקט ווערין אויף דיא מים המאררים. עס זאל ווערין שלום צווישען מאן און ווייב. וואס עס איז נאך אספק טאמער וועט ניט ווערין שלום. וואורום טאמער האט זיא טומאה געווען. וועט איהר דער מאן מגרש זיין. איך דארף געווים מוחל זיין אויף מיין כבוד. און רבי שמעון האט ניט געוואלט פאר זוכען דאס עסין. ער האט געזאגט אפילו איהר מאן וועט שטארבין און זיא וועט בלייבין אלמנה. און אירע אלע קינדער זאלין אויך אויס שטארבין. וועט זיך אויך שמעון ניט רירען פון דעם ארט צו גיין פאר זוכען דאס עסין. און פון וועגין נאך אזאך וויל איך ניט פאר זוכען דאס עסין. זיא זאלין זיך ניט געוואנען צו טאהן נדרים:

ו ההוא. איינער האט אמאהל געזאגט צו זיין ווייב. איך טוה אנדר דו זאלסט ניט הנאת האבין פון מיר ביז דוא וועסט ווייזין פאר רבי ישמעאל ברבי יוסי וועלכעס פון דיר איז דאס שענסטע וואס הייסט אויב עס איז דא אין דיר איין זאך אשיינעס: וואורום זיא איז געוועזען פול מיט פעלערס. האט רבי ישמעאל גיפרעגט טאמער איז איר קאפ שיין. האט מען געזאגט איר קאפ איז קיילעכדיג: ניט שיין. טאמער איז אירע האר שיין. ניין. זייא זעהן אויס אזוי וויא דיא שטעקלאך פון פלאקס. טאמער איז אירע אויגען שיין. ניין. זייא זענען טריב. טאמער זענען אירע אויערין שיין. ניין. זייא זענען טרוים. טאמער איז איר נאז שיין. ניין. ער איז פאר שטאפט. טאמער זענען אירע ליפען שיין. ניין. זייא זענען גראב. טאמער איז איר האלדז שיין. ניין. דער קאפ ליגט אויף דיא אקסלען: טאמער איז איר בויך שיין. ניין: ער איז אזוי וויא געשוואלין. טאמער זענען אירע פיס שיין. ניין. זייא זענען ברייט אזוי וויא ביא אגאנדז. טאמער איז איר נאמען שיין. ניין. זיא הייסט לכלוכית. האט רבי ישמעאל געזאגט דאס איז דאס שענסטע. איר נאמען איז גאנץ שיין פאר איר. מען רופט איר לכלוכית. ווייל זיא איז פאר מיאוסט מיט פעלערס. האט רבי ישמעאל איר מתיר געווען אז זיא מעג הנאה האבען פון איהר מאן:

ההוא

ז ההוא בר בבל דסליק לארעא דישראל נסיב איתתא אמר לה בשילי [לי] תרין טלופחין בשילת ליה תרין רתח עלה למחר אמר לה בשיל לי גריוא בשילת גריוא. אמר לה אייתי לי תרין בוצינין אייתיאת ליה תרין שרגין. אמר לה תבר יתהון על בבא. הוה יתיב בבא בן בוטא על בבא וקא דאין דינא תברת יתהון על רישיה אמר לה מה הדין דעבדית אמרה ליה כך צוני בעלי אמר את עשית רצון בעליך המקום יוציא ממך שני בנים כבבא בן בוטא:

תרין טלופחין. כלומר דבר מועט שכן דרך לשון בני אדם לומר על דבר מועט אחד או שנים והיא היתה שוטה והבינה הדבר כפשוטו: גריוא. כלומר הרבה: בוצינין. תרגום של אבטיחים: שרגי. נרות דמתרגמינן בוצינא: תברינהו אבבא. מתוך שהיה כועס על מעשיה אמר לה דלתברינהו אדשא על ראש הפתח והיא הבינה שתשברם בראש בבא בן בוטא שהיה גדול הדור: שני בנים כבבא. כנגד תרין שרגי ואייתי [הכא] הא עובדא לאשמועינן חסידותא דבבא בן בוטא: זיל בעי רחמי על נפשך. כך פתחו לו בחרטה: הא לא נדרת. אלא נדרת אית בך חטא: ערבוביא

## נערה המאורסה פרק עשירי

(דף עז ע"ב) א אמר ליה רבא לרב נחמן חזי מר האי מרבנן דאתא ממערבא ואמר אזדקיקו ליה רבנן לבריה דרב הונא בר אבין ושרו ליה נדריה וא"ל זיל ובעי רחמי על נפשך דחטאת דתני רב דימי אחוה דרב ספרא כל הנודר אף על פי שמקיימו נקרא חוטא אמר רב זביד מאי קראה (דברים כג) וכי תחדל לנדור לא יהיה

בך

---

ז ההוא. איינער פון בבל איז געקומען אין ארץ ישראל. און האט גענומען א ווייב אין ארץ ישראל. און ער האט געזאגט צו איהר קאך פון מיינעטוועגען צוויי ארבעס ווער האט געמיינט אביסעל ארבעס נאר ווייניג. און זיא איז געווען א נאר האט זיא געמיינט פראכט צוויי ארבעס. האט זיא געקאכט נאר צוויי ארבעס. איז ער אויף איר אין כעס געווארין. מארגין האט ער געזאגט צו זיין ווייב, קאך פאר מיר א גריוא ארבעס ווער האט געמיינט פיל ארבעס זאל מען קאכין. עס זאל זיין וואס צו עסין. און זיא האט געקאכט א גריוא אזוי א מאס וואס עס קען גענוג זיין פאר פיל מענטשין. דער נאך האט ער געזאגט צו איהר ברייניג מיר צוויי בוצינין. ער האט געמיינט צוויי פלוצערין. און זיא האט איהם געבראכט צוויי ליכט. ואין בבל רופט מען אויף פלוצערין בוצינין: און אין ארץ ישראל רופט מען אויף ליכט בוצינין. ער האט געזאגט צו איהר צוברעך די ליכט על בבא. ער האט געמיינט מען זאל די ליכט צוברעכין אויף די טיר. בבא איז טייטש א טיר אין בבל. ביי די טיר איז געזעסין בבא בן בוטא און האט געפסקנט א דין. האט זיא צו בראכין דיא ליכט אויף דעם קאפ פון בבא בן בוטא. האט בבא צו איהר געזאגט פאר וואס האסטו אזוי געטאהן. האט זיא געזאגט אזוי האט מיר מיין מאן געהייסין טאהן. האט בבא צו איהר געזאגט דוא האסט געטאהן דעם ווילען פון דיין מאן. גאט זאל דיר געבין דוא זאלסט האבין פון דיין מאן אזעלכע צוויי קינדער וויא בבא בן בוטי איז:

## פרק עשירי

א אמר: רבא האט געזאגט צוא רב נחמן זעה נאר איינער פון דיא רבנן איז געקומען פון ארץ ישראל. און ער זאגט דיא רבנן האבען מתיר געווען א נדר צוא דעם זוהן פון רב הונא בר אבין. און אזוי האבען זייא געזאגט צוא איהם אז דוא וואלסט וויסען אז דו וועסט דארפין מתפלל זיין צוא גאט ער זאל דיר מוחל זיין דיא עבירה וואס דוא האסט געטאהן מיט דעם נדר. וואלסטו ניט געטאהן דעם נדר. האט ער געזאגט ניין. האבען זייא איהם מתיר געווען דעם נדר. וואָרום רב דימי דער ברודער פון רב ספרא האט געלערנט. דער וואס טוהט א נדר אפילו ער איז איהם מקיים. פון דעסטוועגען ווערט ער גירופען א זינדיגער. רב זביד זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק. אז דו וועסט דיך פארמיידין פון צו טאן א נדר. וועט אויף דיר ניט זיין קיין זינד: אבער אז דו וועסט דיך ניט פארמיידין. נאר דוא וועסט יא טאהן א נדר. אפילו דוא וועסט איהם

מקיים

בך חמא הא לא חדלת איכא הטא:

## ואלו נדרים פרק אחד עשר

(דף פא) א אמר שמואל ערבוביתא דרישא מתיא לידי עוירא ערבוביתא דמאני מתיא לידי שעמומיתא ערבוביתא דגופא מתיא לידי שיחני וכיבי. שלחו מתם הזהרו בערבוביתא הזהרו בחבורה הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה שנאמר (במדבר כד) יזל מים מדליו (מדלים) שמהם תצא תורה ומפני מה אין מצוין תלמידי חכמים יוצאין מבניהם תלמידי חכמים אמר רב יוסף שלא יאמרו תורה ירושה היא להם. רב שישא בריה דרב אידי אמר כדי שלא יתגדרו על הצבור מר זוטרא אמר מפני שהן מתגברין על הצבור. רב אשי אמר משום דקרו לאינשי חמרי. רבינא אמר שאין מברכין בתורה תחלה דאמר רב יהודה

ערבוביתא דרישא. כשאינו ממרק ראשו תמיד ומתוך כך היא ערבוביתא כרישא: מתיא לידי עוירא. מביא לידי סמוי עינים שזוהמת כלאם מכהה מאור עיניו: דמאני מתיא לידי שעמומיתא. כשיש בבגדיו ערבוביתא של זוהמא שאינו מכבסן תמיד ולובשן כשהם מזוהמים מביאו לידי שעמום והמהון לב: ערבוביתא דגופא. כשגופו מזוהם שאינו רוחץ תמיד מביאו לידי שיחני וכיבי אבעבועות המכאיבות (ולאו יש רפואה אלא שעמום קשה מכם אלא כיכב אליפא מרחיצה): הזהרו בערבוביתא. לומר שהזהרו בהכבסת ובנקיות: הזהרו בחבורה. ללמוד תורה בחבורה שבתלמידים מחדדים זה את זה ואם סרב: הזהרו בבני עניים. להשגיח ללמדם תורה שמהם תצא תורה שאין להם עסק אחר ועוד שדעתם שפלה עליהם: ואין מבניהם ת"ח. שעל הרוב אינם בני תורה: ירושה היא להם. ולא ילמדו תורה מאחר שהן סומכין שירושה היא להם: כדי שלא יתגדרו על הצבור. שאם לא כיתה תורה פוסקת מהם יגיסו דעתם: דקרו לאינשי חמרי. שאין נוהגים בהם כבוד ומבזים אותן מפני תורה שבהם: שאין מברכין בתורה תחלה. שאלה עוסקת בכל יום

מקיים זיין. איז שוין אעבירה:

## פרק אחד עשר

א אמר: שמואל האט געזאגט דער וואס קעמט ניט דעם קאפ אונ ער האט ליז אין קאפ. דאס ברענגט דעם מענטשין צוא בלינד ווערין. דער וואס גייט אין שמוציגע קליידער אונ אין זייא איז דא ליז: דאס ברענגט דעם מענטשין די הארץ זאל זיין פרידעריג. אונ ער זאל זיין אזו וויא פאר מישט. דער וואס וואשט ניט ריין דעם גוף זיינעם. וועט ער האבין וואונדען אונ מכות אויף זיין גוף. מען האט געשיקט פון ארץ ישראל זאגין צו די מענטשין פון בבל איר זאלט אייך היטען צו האלטען ריין דיא קעפ אונ צוא וואשין ריין אייערע קליידער. אונ צוא וואשין ריין אייער גוף. אונ איהר זאלט היטען צוא לערנען תורה מיט פיל תלמידים: אדער מיט פיל חברים. אונ איר זאלט היטען צוא לערנען תורה מיט ארעמע קינדער. ווארום פון דיא וועט ארויס גיין תורה אויף דער גאנצער וועלט: ווייל דיא ווענען ארעם באשעפטיגען זייא זיך נאר מיט דער תורה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק יזל מים מדליו. עס וועט רינען וואסער ותורה פון זיינע ארעמע. פון דיא ארעמע קינדער וועט ארויס גיין תורה אויף דער וועלט. אונ פאר וואס ווערט מען דאס מערסטע אז דיא קינדער פון תלמידי חכמים ווערן ניט תלמידי חכמים: האט רב יוסף געזאגט מען זאל ניט זאגין אז דיא תורה ירושה קען פון א תלמיד חכם ווערט געבארין א תלמיד חכם. ווערין דיא קינדער פון תלמידי חכמים ניט ווילין לערנען תורה. זייא ווערין זאגין ווייל אונזער פאטער איז א למדן. ווערין מיר געוויס אויך זיין לומדים. רבי שישא בריה דרב אידי זאגט ווידער ווערין ניט געבארין תלמידי חכמים פון תלמידי חכמים זייא זאלין זיך ניט גרויס האלטען מיט זייער יחוס. מר זוטרא זאגט אז זייא ווערין זיין מיוחסים ווערין זייא זיך שטארקין אויף דיא מענטשין פון שטאט אונ ווערין בייא זייא גענומען מער געלט אויף זייערע הוצאות. אונ זייא ווערין גייטין דיא שטאט מענטשין זייא זאלין טאן וויא זייא ווילען. רב אשי זאגט אז זייא ווערין זיין מיוחסים ווערין זייא פאר שעמען מענטשין אונ ווערין זייא רופען איזעלין. רבינא זאגט ווידער ווערין תלמידי חכמים ניט זוכה זייערע קינדער זאלין אויך זיין תלמידי חכמים ווייל זייא מאכען ניט קיין ברכה אויף דער תורה באלד אין דער פריא. נאר פריער טוהען זייא אנדערע געשעפטין. דער נאך מאכען זייא א ברכה אויף דער תורה. ווארום

רב

יהודה אמר רב מ"ד (ירמיה ט) מי האיש החכם ויבן את זאת דבר זה נשאל לחכמים ולנביאים ומלאכי השרת ולא פירשוהו עד שפירשו הקב"ה בעצמו שנא' (שם) ויאמר ה' על עזבם את תורתי וגו' היינו לא שמעו בקולי והיינו לא הלכו בה א"ר יהודה אמר רב שלא ברכו בתורה תחלה :

ב איסי בר יהודה לא אתא למתיבתא דר' יוסי ג' יומי אשכחיה ורדימוס בר יוסי א"ל מ"ט לא אתי מר לבי מדרשא דאבא הא תלתא יומין א"ל כי טעמיה דאבוך לא ידענא היכא איתא א"ל לימא מר מאי קאמר (ליה) [לך] דלמא ידענא טעמיה א"ל הא דהניא רבי יוסי אומר כביסתן קודם לחיי אחרים קרא מנ"ל א"ל דכתיב (במדבר לה) ומגרשיהם יהיו לבהמתם וגו' מאי חיתם אילימא חיה והלא חיה בכלל בהמה הוא אלא מאי חייהם חיותם ממש פשיטא אלא לאו כביסה (והאיכא) [דהא איכא] צערא דערבוביתא] :

פירוש

דהיינו לעסוק בדברי תורה והעריב לא ולאבד כהר : דבר זה נשאל לחכמים וכו'. ולא פירשוהו מדכתיב ויאמר ה' על עזבם את תורתי מכלל דליכא דידע לאהדורי טעמא אלא קב"ה בלחוד :

ורדימוס בר' יוסי. היינו ר' מנחם בר' יוסי דמתקרי כך של קדושים : טעמא לא ידענא. דאמר למילתיה שאיני יכול לעמוד על סוף דעתו : א"ל דכתיב. גבי לוים ולכל חייהם : אילימא חיה. ממש שמתפרנסת מהם : והלא היה בכלל בהמה. כדכתיב זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה והואיל דכתיב לבהמתם למה לי חייתם : [אלא לאו כביסה. הוי] חייתם ממש דכביסת בגדיהן היינו חיותם דאי לא מכבסי בגדיהן איכא צערא דהיותא היינו נמי ערבוביתא דאמרן לעיל :

ההוא גברא דאמר איתסר הנייתא דעלמא עליה אי נסיב איתתא כי לא תנינא הילכתא. כלומר תאסר הנאת עולם עלי אם אקח אשה עד שאשנה הלכות : רהיט בגפא (וחובליה) [ותובליה] גפא קרי סולם שעולין בו בלילן (תובליא) [תובליה] חבל שתולין בדקל ומוכרין להם למטה הענפים שבהם התמרים ומשל של בן אדם הוא רץ למעלה ולמטה

(דף סט ע"ב) ג ההוא גברא דאיתסר הנייה דעלמא עליה אי נסיב איתתא כי לא תניינא הילכתא רהיט בגפא (וחובליא) [ותובליא] ולא מצו למיתנא אתא רב

---

רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגן עס שטייט אין פסוק ווער איז דער קלוגער מענטש ער זאל דאס פאר שטיין. ופאר וואס איז פאר לארין געווארין די לאנדן. דיא זאך האט מען געפרעגט ביי חכמים אונ ביי נביאים אונ ביי מלאכים. אונ זייא האבין ניט געוואוסט. ביז גאט אליין האט געזאגט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט ווייל זייא האבען פאר לאזין מיין תורה. אונ זייא האבין ניט גיהערט מיין שטימע : אונ זייא זענען ניט גיגאנגען אין איר ואין דיא תורה. פרעגט דיא גמרא צו וואס שטייט טאפעלע ווערטער. זייא האבין ניט גיהערט מיין שטימע. אונ זייא זענען ניט גיגאנגען אין דיא תורה : דיא תורה איז דאך דיא שטימע פון גאט. האט רב יהודה געזאגט פון רבם וועגן. מען מיינט זייא האבין ניט גימאכט א ברכה אויף דער תורה באלד אין דער פריא :

ב איסי בר יהודה איז דריי טעג ניט גיקומען צו דער ישיבה פון רבי יוסי : האט ורדימוס ברבי יוסי אים גיטראפין. אונ האט אים גיפרעגט פר וואס ביסטו ניט גקומען צו מיין פאטערס ישיבה שוין דריי טעג. האט איסי געזאגט צו ורדימוס איך קען ניט וויסען דאס לערנען פון דיין פאטער. האט ורדימוס געזאגט צו איסי זאג מיר וואס האט מיין פאטער מיט דיר גילערנט. טאמער וועל איך וויסען וואס דיר צוא זאגין. האט איסי געזאגט צוא ורדימוס מיר האבין גילערנט רבי יוסי זאגט זייער וואשען דארפין זייא פאר זארגין פריער וויא זייער הברים לעבין. פון וואנען ווייסין מיר דם פון פסוק. האט ורדימוס געזאגט עס שטייט אין פסוק זייערע פלעצער זאלין זיין פאר זייערע בהמות אונ פאר זייער פערמעגין. ולכל חייתם. חם מיינט מען חייהם. מיר זאלין חייתם מיינט מען חיות. אז עס שטייט פריער בהמות מיינט מען דאך חיות אויך. מיט וואס איז אנדערש חיה פון בהמה. וועלין מיר זאגין אז חייתם איז טייטש זייער לעבין. געווים דארפין זייא דעם פלאץ צוא זייער לעבין. נאר מען מיינט צום וואשין זאל דער פלאץ זיין : ווארום וואשין איז דאס לעבין פון מענטשין. צום וואשין דיא קליידער אונ צום וואשין דעם גוף. דם אליין איז דם לעבין פון מענטשין וואו ווי עס שטייט פריער :

ג ההוא. איינער האט אמאהל געזאגט דיא גאנצע וועלט זאל אויף מיר אסור זיין. אויב איך וועל

רב אחא בר הונא ושבשיה ואינסיב איתתא (דף ל) ושדקיה טינא ואתיא לקמיה דרב חסדא אמר רבא מאן חכים למעבד כי הא מלתא אי לאו דרב אחא בר רב הונא דגברא רבא הוא :

(דף נ"ט ע"ב) **ההוא** נואף דעל גבי דהאי אינתתא אתא גברא סליק נואף איתיב ובבלי) [בכלאי] בבא הוה מחהן התחלי תמן וטעמינן חויא בעי מרי דביתא למיכל כן ההוא התחלי בלא דעתא דאינתתא א"ל ההוא נואף לא תיכול מנהון דטעמינן חויא אמר רבא אינתתיה שריא אם איתא דעבד איסורא ניחא ליה דליכול ולימות דכתיב (יחזקאל כג) (אנשי דמים) [כי] נאפו ודם בידיהן פשיטא מהו דתימא איסורא עביד והאי דא"ל דניחא ליה דלא לימות בעל דתיהוי אינתתא עילויה (משלי ט) מים גנובים ימתקו ולחם סתרים ינעם קמ"ל :

לעסוק ולבנות הלכות ולא אכחייעא מלתא ולית דמפרש דהיינו (בגפא) [בכפא] ברך יהודי נמצא ולמעז כאדם שעולה בחבל באילן (חובליה) [הובלא] חבל כדאמרינן בב"ב מאן דנקיט מגליה והובליה ואמר אזיל ואגזור דיקלא דפלניא : ושבשיה ואינסביה איתתא . [הטעה לומר שלא יהא נאסר לאחר מכן ולאנסביה אתתא כדי שיחול כנדר] : ושדקיה טינא . עח סניו בטיט כדי שלא יכירהו רב חסדא כאילו היה אדם אחד מהם שנדר שלא ישא אשה כדי שיתיר לו דאפשר אילו היה מכירו לא היה מתיר לו : מאן חכים למעבד כי האי מילתא . שדקדק בכך שכשיחלו אשה קודם שישאל על נדרו כדי שיחול הנדר עליו קודם שאלה דקסבר כר' נתן דאמר לא יפר סאליו ואם אל הנדר דר' נתן דיינה כוא ומתית לעומקא דדינא :

תניא

---

וועל נעמען אווייב איידער איך וועל האבען אוים געלערנט אלע דינים . איז ער גילאפען אויף דעם לייטער וואס שטייט ביי דעם טייטל בוים . אונ האט פאר ווארפען אשטריק אויף דיא צווייגען אראפ צו בייגען זיא . דאס מיינט מען דער מענטש האט אלץ גיטאן ער איז גילאפען ארויף אונ אראפ . אונ האט גיארבעט ער זאל קענען לערנען . אונ עס האט ניט גיהאלפען ער האט ניט גיקענט לערנען . איז גיקומען רב אחא בר הונא אונ האט גינארט דעם מענטשין ער האט אים גזאגט דער נדר איז גאר ניט ער מעג נעמען אווייב . אונ ער האט גינומען אווייב . דער נאך האט רב אחא בשמירט דעם מענטשינס פנים מיט ליים . מען זאל אים ניט דער קענען . אונ ער האט אים גיבראכט פאר רב חסדא . ער זאל אים מתיר זיין דעם נדר . האט רבא גזאגט ווער איז אזוי קלוג צו מאכן אזו אזאך . ווען ניט רב אחא בר רב הונא וואס ער איז אגרויסער מענטש ער האט גיוואוסט וויא צו טאן :

ד ההוא : איינער איז אמאהל גיקומען צו אאשה ער זאל מיט איר מזנה זיין . דער ווייל איז אן גיקומען דער מאן . איז דער מענטש גיגאנגען אונ האט זיך בעהאלטען אונטער דעם פארהאנג פון דער טיר . דארט אין שטוב איז אבער גילעגין תחלי וואס אשלאנג האט פון דיא גיגעסין : האט דער בעל הבית פון שטוב ודער מאן גיוואלט עסין פון דיא תחלי . אונ דאס ווייב איז ניט גיוועזען דער ביי . האט זיא ניט געוואוסט אויב דער מאן וויל דיא תחלי עסין אדער ניין . האט דער מענטש אנגישריי גיטאהן פון אונטער דעם פארהאנג צום מאן דוא וואלסט ניט עסין פון דיא תחלי ווארום אשלאנג האט פון זייא גיגעסין . האט רבא גזאגט דער מאן מעג וואוהנען מיט די ווייב . ווארום עס איז געוויס אז זיא האט נאך ניט מזנה גיוועזען מיט דעם מענטש . ווארום אז דער מענטש וואלט שוין גיהאט מיט איר מזנה גיוועזען . וואלט ער דאך וועלין אז דער מאן זאל עסין דיא תחלי אונ ער זאל שטארבין . אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי נאפו ודם בידיהן . דיא וואס זענען מזנה איז דא בלוט אין זייערע הענט . זייא הרגנן דיא מאנען פון דיא ווייבער . פרעגט דיא גמרא געוויס אז עס איז אזו דער דין . ענטפערט דיא גמרא איך וואלט וועלין מיינען . דער מענטש האט טאקי מזנה גיוועזען מיט דיא אשה . נאר פאר וואס האט ער גזאגט צו איר מאן ער זאל ניט עסין דיא תחלי . ווייל ער האט גיוואלט איר מאן זאל לעבין . וועט זיין ווייב זיין אסור צוא אים . ווארום זיא וועט דאך זיין ווייטער אאשת איש . ווען ער וועט מיט איר מזנה זיין וועט ער מער הנאה האבען . אזו וויא עס שטייט אין פסוק גיגנבהע וואסער איז זיס אונ פאר בארגענע ברויט איז גישמאק . זאגט אונז רבא אז מיר זאגען ניט אזו . אונ דס ווייב איז מותר צום מאן :

תניא